STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11323

FUN HARTS TSU HARTS

Malka Apelbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה אַפּעלבוים

פון האַרץ צו האַרץ

(מעטאָדע פאַר קינדער-דערציונג)

ריא דע זשאַנעירא
1957

פון דער זעלבע מחברטע
„נייע און אלטע היים״
ארויסגעגעבן 1955

DE CORAÇÃO PARA CORAÇÃO

MALKA APELBAUM
RUA BENEVENUTO BERNA, 20 - Ap. 208 — TELEF.: 28-5877
RIO DE JANEIRO — BRASIL

דרוק. „לאַנדסאַל״ — מ. לאנדער און ס. ראָזענטאַהל — סאַן פּאולאָ - בראַזיל

געווידמעט מיינע טעכטער

רעכל

שרה

אונדזער קינד — דאָס יסודותדיקע קעמערל פון דער מענטשהייט

אין א דעבאטע צווישן פעדאגאָגן האָט מען דיסקוטירט וועגן דעם, אין וועלכן עלטער מ׳דארף אָנהייבן מיט דער דערציונג פונעם קינד, כדי דערמיט צו פאר-זיכערן די רעזולטאטן, וואָס מ׳איז אויסן צו דערגרייכן.

האָט זיך איינער פון די באטייליקטע אינעם וויכוח ארויסגעשטעלט מיט זיין אָריגינעלער מיינונג, אז דידאָזיקע דערציונג דארף אָנגעהויבן ווערן צוואנציק יאָר פאר דעם איידער דאָס קינד ווערט געבוירן, ד.ה. אז מ׳דארף אָנהייבן מיט די עלטערן, בכדי צו זיין זיכער, אז זיי וועלן זיין אומשטאנד צו געבן זייער קינד א גוטע מענטש-דערציונג.

די וועלט ראנגלט זיך אין קאָנוואולסיעס, וועלכע קומען צום אויסדרוק דורך בארבארישע און אכזריותדיקע אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע מעשים; מענטש מיט מענטש פארשטייען זיך ניט און אוודאי פארשטייען זיי זיך ניט, ווען זיי בא-לאנגען צו באזונדערע קאָלעקטיוויטעטן, גרופירטע און באזונדערע מדינות און קאָנטינענטן, און פונדעסטוועגן איז די היינטיקע וועלט לויט איר טעכנישער און אפילו גייסטיקער אנטוויקלונג, מעג זי דערוויל זיין נאָך אזוי הינטערשטעליק, איין איינהייט, איין מענטשהייט, און ס׳איז ניט פאראן קיין שום לאָגישע בארעכ-טיקונג פאר אָט-דעם פירוד-הלבבות, צו וועלכן ס׳מוז דאָך אמאָל נעמען א סוף.

און נעמען א סוף צו דעם וועט ניט דאַרף די שמועסן צווישן די גדולים פון די רעספעקטיווע מדינות, נייערט דורך מאכן עמפינדלעך און שפירעוודיק דאָס אינדיווידועלע מענטשלעכע הארץ און געמיט בכדי ער זאָל זיין אומשטאנד צו פאַרשטיין און צו פילן, אז ער און זיין נאָענטער אָדער זיינס גלייכן זיינען איינס און דער גאנצער וועלט; אז זיינע אינטערעסן זיינען די נעמלעכע, וואָס די אינטערעסן פון זיין מיט מענטשן, מעג ער זיך געפינען אינעם ווייטסטן ווינקל פונעם ערדקיילעך.

און אָט-דאָס איז די שווערע עובדא פון דער דערציונג. קיין אנדערער וועג איז ניטאָ.

און דאָס איז א שווערע עובדא; און ניט לאוו כל האדם זוכה, צו זיין אימשטאנד צו קאָנען געבן זיינע קינדער אזא דערציונג. אָבער אָנהייבן מוז מען ; קלאַפן אויף דעם מוז מען; דער גאנג פון דער וועלט און די אויסוויקלונג פון די מינים איז א בהדרגהדיקע און וועט מען ניט אָנהייבן, מעגן אפילו דערווייל די פערספעקטיוון זיין שוואכע, וועט מען ניט האָבן צו פארצייכענען קיין שום פראָגרעס און די קאָנוואולסיעס וועלן קיינמאָל ניט אויפהערן. ווי צו אָט-דעם שווערן געביט פון דער אנטוויקלונג פון מענטש, פונעם קינד צווישן מענטש, ווידמעט זיך די מחברטע פון אָט-דעם ביכל.

זי רעדט ניט צום קינד ווי דער אָביעקט פון איר שאפן; זי רעדט צו די עלטערן, צו דער מוטער, וועלכע איז די נאָענטסטע עמאָציאָנעל צו איר קינד פונעם ערשטן ארויסשפראָץ זיינעם: זי זוכט איר צו געבן צו פארשטיין, ווי אזוי זי דארף זיך אויפפירן לגבי איר קינד, בכדי זי זאָל קאָנען האָפן צו דערגרייכן גוטע רעזולטאטן. איז דאָס א לויבנסווערטע געבענטשטע ארבעט, וואָס הלוואי וואָלט זי אָנגעקומען צו וואָס ברייטערע קרייזן און הלוואי וואָלט זי אָנגעטראָפן אויף פיינפילנדיקע הערצער און אויערן, בכדי פארוואנדלט צו ווערן אין מעשים.

דאָס קינד איז דאָס אורשפרינגלעכע קעמערל פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט און ביי אים דארף מען אָנהייבן און ניט מיד ווערן צו ארבעטן מיט אים און איבער אים, זיך צופאסן צו זיין געמיט און שטימונג, מילדערנדיק זיינע שארפע שפיצן און קאנטן און אויסרונדיקנדיק זיי, כדי אים צו מאכן באנעמען זיין פּאָזיציע אין דער וועלט. דאָס טוט די מחברטע שוין פון זינט א סך יאָרן; אירע

ארבעטן זיינען פארעפנטלעכט געוואָרן אין היגן „פארן פאָלקסגעזונט" און איבערגעדרוקט געוואָרן אין פאדשידענע אויסגאבן. די געמלעכע ארבעטן אין א בוכפאָרעם וועלן האָבן א בעסערע פעולה און בעסער באווירקן דעם לייענער.

זאָל-זשע איר טואונג זיין געבענטשט און האָבן מזל-ברכה ביים אַרויסקום אויף דער ליכטיקער וועלט צווישן צוויי טאָוולען און אָנטרעפען אָפענע אויגן, אויערן און האַרץ, כדי ס׳זאָל אויך אין אונדזער יידיש-לשון צוקומען דאָס קערנדל זאמד צום מענטש-בנין, וואָס ווערט געבויט אומעטום, אויף דער גאַנ-צער וועלט, בכדי ס׳זאָלן סוף כל סוף אויפהערן די קאָנוווּלסיעס און ס׳זאָל הערשן פרידן אויף דער וועלט, א באפרייטער פון שנאה און מחלוקות.

י. בירנבוים

ב. איירעס, יוני 1956

צו די לייענער

כדי בעסער צו באגרייפן און קלארער צו פארשטיין דאס פראבלעם פון קינ-דער-דערציונג, וועלן מיר קודם כל געבן אין קורצע ווערטער א איבערבליק איבער דער פרוי און דאן אפעלירן צו איר, אז ביים דערציען איר קינד זאל זי זיך אן שום באדינג רעכענען מיט די כללים פונעם מאדערנעם דערציונגס-מעטאד.

עס איז אנגענומען, אז די היינטיקע פרוי איז די פינפטע געשטאלט אין דער יידישער געשיכטע. די ערשטע איז געווען די „ווייבלעכע" פרוי, וועלכע האט גע-האלטן פאר איר אויפגאבע צו ברענגען אויף דער וועלט וואס מער נפשות; די צווייטע איז געווען די „היסטארישע" פרוי, וועלכע האט אנטייל גענומען אין די קאמפן פאר באפרייאונג, ווי דבורה וועלכע איז געגאנגען האנט ביי האנט מיט ברקן; די דריטע איז געווען די אשת חיל פרוי, וואס האט הייליק געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון א צווייטער וועלט, אין א גן-עדן, און וויסנדיק, אז אויב דער מאן לערנט תורה, האט זי, זיין ווייב, אויך א חלק אויף יענער וועלט, האט זי אויף זיך גע-נומען דעם גאנצן יאך פון פרנסה, (אמבולטסטן האט שלום אש געשילדערט דעם טיפ פרוי אין זיין „תהילים ייד"), די פערטע געשטאלט איז געווען די „קידוש השם" פרוי; דידאזיקע פרוי וואס האט ארייגעשריבן הערלעכע בלעטלעך אין דער יידישער געשיכטע, האט שלום אש געווידמעט צוויי ביכער: „קידוש השם" און „די כישוף-מאכערין פון קאסטיליען".

יאָ, ס׳איז א גאַר גרויסער נסיון צו לאָזן זיך פארברענען אויפן שייטער־הויפן פארן כבוד פונעם הייליקן נאָמען, און כאָטש עס זיינען פאראן מיינונגען, אז ס׳איז דערביי אויך געווען אין אויסבליק אזא מין ,,קידוש האדם׳׳; מחמת יענע פרוי איז געווען זייער רעליגיעז און געהאלטן די וועלט אלס א פרוזדר, און געגלויבט הייליק, אז ווען זי גייט אויף קידוש - השם, וועט זי גלייך קומען אין גן-עדן אריין, האָט זי, בכן, אויסגערעכנט אז ס׳לוינט זיך אביסל צו ליידן אבי צו דערגרייכן דעם געגארטן ציל. אָבער זאָל מען עס רופן ווי אזוי מ׳וויל ; איר כוח, איר ענערגיע בלייבט אומבאשרייבליך. אָט האָט די היטלער-מגפה בעת דער לעצטער מלחמה באוויזן, ווי פרויען זיינען מיט א שמע ישראל אויף די ליפן געשפרונגען אין פייער. און איצט קומען מיר צו דער היינטיקער פרוי, וועלכע שרייבט אריין א גלאררייך בלעטל אין דער יידישער געשיכטע. אויף אלע געביטן און אין אלע קאמפן נעמט זי אנטייל, די היינטיקע פרוי.

נישטאָ מער דאָס איינרעדעניש, אז דער מאן איז מער לעבנספעאיק ווי די פרוי. פיזיש איז אפשר דער מאן שטארקער, דעריבער האָט אָבער די פרוי אָפט א פיל גרעסערן באַגאַזש פון גייסטיקער ענערגיע. טאָ זאָל זי, די פרוי, טאקע אויסנוצן איר ענערגיע אויף צו דערציען ווי געהעריק איר קינד׳ זאָל זי זיך ניט אָפשרעקן פאר די שוועריקייטן, וואָס עס דוכט זיך איר, אז זי וועט האָבן. זאָל זי זיין גליקלעך און צעפרידן דערמיט, וואָס זי וועט קאָנען אָנווענדן די כללים פונעם מאָדערנעם דערציונגס-מעטאָד און אזוי ארום ביישטייערן פאר דער צוקונפט פון איר קינד, דורכדעם וואָס זי וועט אים העלפן אין דער פיינער און גוטער פיזיש-גייסטיקער אנטוויקלונג, א דאנק וואס זי וועט אים אזוי ארום מאכן פאר א רייפן און נוצלעכן עלעמענט פאר דער געזעלשאפט און פאר דער מענטשהייט.

מלכה אפעלבוים

מערץ 1957.

פײגעלעס פּאָרטרעט

טאָכטער פון דעם וועלט באַרימטן
קינסטלער מאַרים און אנא שווארץ

צווישן די פליעאדע יונגע קינסטלער
פייגעלע, א אויפגייענדער שטערן
אירע אויגן, העלן אריין אין דער פינסטער
איר קול — א געגוס צו הערץ.

איר פּנים — אלע זיבן חנ׳ען,
איר זשעסט — צניעותדיק דיסקרעט,
איר מימיק — קינסטלעריש געלייטערט,
איר לבוש — באשיידן און נעט.

איר אויסשפּראך, א שלל זיסע צויבער-טענער
פליסן שפּע׳דיק אין מתיקות׳דיקן לויש,
אין ים צעשטורעמטער אסימילאציע
איר יידיש — בלומען א קויש.

א יונגער זאפטיקער טאלאנט,
פלייס, פיינפילעוודיקייט ארום,
דאָס אלץ, קוים דער צווייט,
אין דער צוקונפט א פּראכטפולע בלום...



נ ע ל ס אָ ן

זון פון ראַקעל און מאוריסיאָ קרומהאָלץ

קינדער־דיעטע

יעדעס בלעטל פון דעם דערציאונג-מעטאָד האָט זיינע פּראָבלעמען און זיינע אקטואליטעטן וועלכע מ׳דאַרף לייענען מיט פיל אויפמערקזאמקייט און זיך שטארק פארטראכטן, דעריבער, — אָדער מ׳דאַרף לערנען דערפון, ווייל ביים צוגאנג צו דער קינדער-דערציאונג, מוז מען האָבן זייער א סך באַאָבאכטונגס-פעאיקייטן, סיי פיזישע סיי גייסטיקע. מיטן שכל-הישר דאַרף מען צוגיין צום תוך פון דעם ענין, וואָס הייסט דערציאונגס-פּראָבלעם, פונקט ווי מען מוז שענקען א סך אויפמערקזאמקייט אויף דער אויספורעמונג פון קינדס כאראקטער, ווייל דער יסוד פון א מענטשן איז דער כאראקטער, פונקט אזוי מוז מען אויך שענקען א הונדערט-פּראָצענטיקע אויפמערקזאמקייט אויף דער פיזישער אויספורעמונג פונעם מענטשן.

דאָס קינד מוז באַקומען א וויטאַמינען-רייכע דערנערונג, כדי דערמיט העלפן אויסצופורעמען, אויסצוגעשטאלטיקן דעם מאָרגנדיקן, דעם צוקונפטיקן מענטש א פיזיש-געזונטן, א פעסטן, א קרעפטיקן, א פעאיקן אויף צו קאָנען קעגנצושטעלן זיך אלע קראנקייטס-אָנשיקענישן.

דאָס אָנפּאקן דעם קינדס מאָגן מיט סתם און עסן, אבי ס׳זאָל נישט זיין הונגעריק, אָדער דאָס וועלן אָפּקומען מיט נאשווארג, בכדי ס׳קינד זאָל זיך אָפּטשעפּען און נישט נודזשען, בעת מען איז פארנומען מיט א גאָר וויכטיקע

אַרבעט אָדער אַ פּיינעם וויזיט, אָט-די פּראַקטיק מוז געגצלעך אויסגעוואָרצלט ווערן.

מען דאַרף וויסן, אַז דאָס קינד מאַכט דורך פאַרשידענע עטאַפּן אין זיין אַנטוויקלונג: דעריבער מוז מען תמיד שטיין אויף דער וואַך און געדענקען, אַז דאָס עיקרדיקע, דער אַלף- בית, דער בראשית פון דער דערציאונג, איז די פיזישע אַנטוויקלונג וועלכע באַווייזט זיך אויף דער ריכטיקער און פּינקט-לעכער דערנערונג.

אינעם אומאויפהערלעכן פּראָוויסגאַנג צו פּראָגרעס, געפינט אויס די וויסנ-שאַפט יעדן טאָג נייע מעדיצינען, נייע מיטלען פאַרן קאַמף קעגן קראַנקייטן. אָבער קיין בעסער מיטל, ווי די נאַטירלעכע שטאַרקייט פון קערפּער גופא, כדי ביייצוקומען, גובר צו זיין יעדן מין קראַנקייט, איז נישט פאַראַן. אַ געזונטער גוף באַשיצט און פאַרטיידיקט, דעריבער איז דאָס בעסטע, דאָס געזונטסטע און שטאַרקסטע און געשמאַקסטע און נאָך מער פון אַלץ — דאָס פּראַקטישס-טע פאַרשידנאַרטיקייט פון גרינסן און פרוכטן אין דעם קינדס דיעט. אין משך פון טאָג דאַרף דעם קינדס דערנערונג אַנטהאַלטן אין זיך אַזאַ מין בונטפאַרבי-קייט און פאַרשידנקייט, אַז ס׳זאָל קאָנען צונויפשטעלן אַ „רעגנבויגן״. ווי צום ביישפּיל, רויטע רויטע מייערן, געלע באַנאַנע, גרינע אַלפּאַסי (שאַלאַטן), ווייסע ריבלעך, פּורפּור-רויטע טאָמאַטן (פּאָמידאָרן), מאַראַנצן, ברוינע ניס׳ עפּל, באַרנעס, ראָזשינקעס, מאַנדלען, אַבאַקאַטע, אַנאַנאַס, פלוימען, און נאָך אַנדערע. ווייל די אַלע אויסגערעכנטע פּראָדוקטן האָבן אין זיך אַן אוצר, פאַרמאָגן אין זיך אַ שפע, אַ רחבות פון אַלערליי וויטאַמינען, קאַלך, פּראָטעין און אייזן.

מ׳דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז אָט-דער אַזויגערופענער „רעגן-בויגן״ קען פאַרטרעטן און פאַרבייטן די מילך, פּוטער, קעז, אייער, פליישׁ און נאָך אַנדערע שפּייזן. חלילה-וחס מ׳מוז געדענקען, אַז דאָס עסן מוז געגעבן ווערן לויט אַן איינגעשטעלטן און נאָרמאַלן סדר. וואָס שייך די מאָס, האַלט מען זיך געוויינ-לעך ביים פּרינציפּ, אַז דאָס קינד אַליין איז לויט זיין אַפּעטיט, מאָסגעבנדיק.

נאָר ס׳קינד גופא קען באשטימען די גרויס פון זיין מאָל-צייט, ס׳איז בעיקר וויכטיק, אז ס׳זאָל אָפּגעהיטן ווערן די רואיקייט בעת דאָס קינד עסט, ווייל דער הו-הא, דער רעש איז מסוגל צו האָבן א שלעכטע ווירקונג אויף דעם נערוון פּסיכישן פאקטאָר, וועלכער קען גורם זיין א נעגאטיווע אקטיוויטעט פון מאָגן.

די פארשטענדלעכע און איבערגעגעבענע מוטער, די גוטע דערציערין פארשטייענדיק די אלע פּראָבלעמען, זייער וויכטיקייט און פּינקטלעכקייט, שטייט תמיד אויף דער וואך מיט איר גאנצע ענערגיע, אָפּפערווויליקייט און אחריות.

ס׳איז בכלל ווינטשנסווערט שטענדיק, נישט נאָר בעתן עסן אָדער ביים מאכן די לעקציעס, נאָר אין אלגעמיין, אָנצוהאלטן די רואיקייט, ווייל ס׳איז פארשטענדלעך, אז דער שטארקער גערויש, דער טומל קאָן זיין א סיבה פון נערוועזע צערודערונגען און קאָן דערפירן צו גייסטיקער דעסקאָנצענטראציע.

מען מוז זאָרגן, אז דאָס קינד זאָל וואקסן גוט, שיין און פּראָדוקטיוו פאר דער געזעלשאפט. און צו דעם צוועק מוז א חוץ די זאָרגפעליקע דערנערונג אויך איינגעשטעלט ווערן א קאָאָרדינירטע טעטיקייט צווישן שול און היים, צווישן מוטער און לערער: אָבער דאָס איז אויפן צווייטן אָרט. דעם ערשטן פּלאץ פארנעמט די גוטע און נארהאפטע דערנערונג, וועלכע דארף זיין אזוי פארשידנארטיק ווי מעגלעך. פארשידנארטיקייט, וועלכע באשיצט און פארטיידיקט איינגעוועגס אויך דעם אפּעטיט. דעם חשק צום עסן, אויב זי באשטייט פון נאטירלעכע שפּייז-פּראָדוקטן, איז פיל ווירקזאמער ווי די אין אפּטייק-געקויפטע קרעפטיקונגס-מיטלען. וואָס גיבן נישט שטענדיק דעם געגארטן רעזולטאט צוליב זייער לאבאָראטאָרישן צוזאמענשטעל, הגם זיי גיבן דערפאר א סך וויניקער ארבעט פאר דער מוטער, פאר דער דערציערין. וויניקער ארבעט אויפן מאָמענט, אָבער אינדער-אמתן איז עס ווייט נישט אזוי, ווייל די קינדער, וועלכע ווערן דערצויגן לויט אלע כללים פונעם נאטירלעכן דערציאונגס-מעטאָד, די, וואָס ווערן זאָרגפעליק אָפּגעהיט און

מלכה אפעלבוים

געשפּייזט מיט נאַטירלעכע וויטאַמינען און קאַלך, גיבן א סך וויינִיקער זאָרג און צרות, ווי די, וועלכע ווערן דערצויגן אויף לאבאָראטאָרישע וויטאמינען, וואָס ווירקט אין א סך פאלן צוויייזייטיק, ווייל ס׳איז נישטאָ אזא לאבאָראטאָרישער פּראָדוקט, וועלכער זאָל קאָנען קאָנקורירן מיט דעם רחבותדיקן כוח פון אונדזע-רע נאטירלעכע "רעגנבויגן"-פּראָדוקטן.

פעליסיא

טאכטער פון ראקעל און מאוריסיא קרומהאלץ

װי אַזױ און מיט װעמען
דאַרפֿן קינדער זיך שפּילן

אַלץ וואָס לעבט — אָטעמט. דאָס אָטעמען קומט־פאָר אויטאָמאַטיש, מעכאַניש און האָט די אויפגאַבע אַריינצופירן "טלען", (זויערשטאָף אָדער אָקסיזשען) און אויסצוטיילן אַ צווייליגנג, וואָס באַשטייט פון קוילן און וואַסער. דאָס אָטעמען הויבט זיך אָן מיטן אָנהויב פון לעבן און ענדיקט זיך מיטן טויט. דערפאַר טאַקע ווערן דורך יעדן איינעם שטאַרק געפלעגט די אָטעם־אָרגאַנען, איבערהויפּט ביי קליינע קינדער, ווערט דאָס לעצטע שטרענג אָפּגעהיטן דורך דער מאָדערנער מוטער, וועלכע פאַרפעלט ניט קיין איין טאָג אַרויסצופירן איר קינד אין גאָרטן, צום ים, אָדער אין אַנדערע לופטיקע פּלעצער, וואו דאָס קינד שעפּט ברחבותדיק די ריינע און פרישע לופט און געניסט מיט פולע עמער, אַזוי צו זאָגן, פון די נאַטור־מתנות׳ פון די נאַטור־אוצרות, אויף צו אַנטוויקלען ווי עס געהער צו זיין די אָטעם־אָרגאַנען, וועלכע שפּילן אַ זייער וויכטיקע און באַדייטנדע ראָל אינעם לעבן.

און דאָך הערט מען, ווי אַ סך אַזעלכע מוטערס באַקלאָגן זיך, אַז טראָץ זייער מיפולער אָנשטרענגונג זייגען זייערע קינדער ניט ווי געהעריק, אָדער בעסער געזאָגט, ניט גוט אַנטוויקלט, און זיי, די מוטערס, פאַרגעסן גאָר אינגאַנצן צו לייגן די געהעריקע אַכט אויף די אָטעם־איבונגען אין שטוב, אַ שטייגער בעתן שלאָפן, ביים עסן און איבערהויפּט ביים שפּילן זיך, ביי וואָס דאָס קינד פאַרברענגט לאַנגע שעהן.

פונקט ווי ס׳ווערט ריכטיק אָפּגעהיטביים עלטערן קינד, ביים שילער אין שול-עלטער, זיין ארט זיצן בעתן שרייבן אָדער לייענען, אָדער גאָר ביי האנט-ארבעט, אזוי דארף אָפּגעהיט ווערן די פּאָזיציע ביים קליינעם קינד בעתן שפּילן זיך. ווייל פונקט ווי דער שילער ביי זיין לעקציע, אָדער דער ארבעטער ביים ווערק-שטעל, שטרענגט זיך דאָס קינד אָן ביים שפּילן זיך. איר קאָנט א סך מאָל באמערקן אויף דעם קליינעם קינדער-שטערן גרויסע טראָפּנס שוויס בעתן צוזאמענשטעלן הילצערנע קלעצעלעך, א הייזעלע, אָדער ביים צונויפשטעלן א מענטש, א חיה, א בלום, אָדער אנדערע זאכן פון צעברעקלטע האָלץ-אברים. ס׳איז אַבסאָלוט נויטיק צו קאָנטראָלירן דאָס קינד ביים שפּילן זיך און דאָס איז נוגע ניט נאָר די פּאָזיציע, נאָר אויך ווי אזוי עס שפּילט זיך. מ׳דארף אכטונג געבן, אז ס׳זאָל זיך ניט שפּילן רעשיק, ניט צעוואָרפן אלץ איבער דער גאנצער שטוב, באווירקן עס צו האלטן זיך רואיק בעתן שפּילן זיך, ניט אָפּזאָגנדיק מיט א גרינג-שעצונג: ״א קינד איז א קינד״. ניין! אויך א קינד קאָן מען אויסלערנען האלטן זיך רואיק, ווען אפילו אויף א קינדערשן אופן. יעדער אויס-געשולטע פּרעבליסטין קאָן לייכט אונטערשיידן, וועלכעס קינד ס׳האָט באקומען, א גוטע, א ריכטיקע און אויסגעפּלעגטע דערציונג און וועלכעס ניט, עס האַנדלט זיך ניט אין דער גוטער אָדער שלעכטער מיינונג פון די לערערין, עס מיינט נאָר צו זאָגן אז א גוט-דערצויגן קינד — לויט אַלע כללים פון דער געפּאָדערטער אָדער ריכטיקער געזאָגט אָנגעוויזענער קינדער-דערציאונג, איז ניט היסטעריש, ווייניקער נער-וועזיש און פריילעכער, מונטערער און שטענדיק גוטמוטיק. און דאָס לעצטע האָט א זייער גרויסע באדייטונג פארן געזונטצושטאנד פון קינד, סיי פיזישן, סיי גייסטיקן און בכלל אויף זיין גאנצן ארט קינדערשן לעבן, אויף זיין אנטוויקלונג און אויף זיין שטימונג.

דעריבער איז ווינטשענסווערט צו וויסן, אז ניט נאָר דער איין-שעהדיקער, אָדער צוויי-שעהדיקער שפּאציר שפּילט די הויפּטראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון קינד. מ׳דארף זאָרגפעליק קאָנטראָלירן און באאָבאכטן דאָס קינד, פון אינדערפרי ביז ביינאכט. און ניט נאָר דארף מען אכטונג געבן אויף דעם קינד צי עס שפּילט

זיך ריכטיק, נאָר אויך, מיט וועמען עס שפּילט זיך, אונטערהערן אפילו די געש־פּרעכן בעתן שפּילן זיך. ווייל איין ניט־געוואונטשן וואָרט פון א שלעכט־דערצויגן קינד קען טיילמאָל מאכן א תל פון דער מוטערס גאנצער מיפּולער ארבעט אויפן געביט פון דערציאונג. ס׳איז אויך ניט געוואונטשן צו שיקן די קינדער אויפן שפּאַ־ציר מיט דער דינסט, ווייל זי, טרעפנדיק זיך מיט אירע חברים, פארגעסט א סך מאָל איר פליכט, לאָזט דאָס קינד אויף הפקר, און אפילו, אין בעסטן פאל ,ווען זי האלט עס מיט זיך, איז ערשט פריש ניט געוואונטשן אז ס׳קינד זאָל זיך איינהערן אין אירע געשפּרעכן ,וועלכע פארסמען דעם קינדס מוח.

יאָ, מיינע פריינט! דערציען קינדער ווי געהעריק איז א זייער שווער פּראָבלעם, איבערהויפּט אויפן אמעריקאנער קאָנטינענט וואו די קינדער האָבן א סך גוטס, און ווייסן, אז די עלטערן טאָרן זיי חלילה ניט שלאָגן. איז א ליאדע־וואָס, באליידיקט עס זיך, און ווערט ברוגז מיטן עסן; אָדער צווישן א יאָ און א ניין, וויינט עס, און דאָס אלץ ווירקט שלעכט אויף זיין געזונט־צושטאנד, וואָס פארטעמפּט זיין אנטוויקלונג . . .

אין לעצטן פאל, אויב דאָס קינד ליידט ניט פון קיין נערוון־קראנקהייט, נאָר סתם פון צעבאלעוועטקייט, איז דאָס בעסטע מיטל ; א „ריגאָר־שטרענגקייט״, אזא ריגאָר־שטרענגקייט, וואָס מאכט דאָס קינד ווייכער, ברעכט זיין עקשנות, מאכט עס מילדער און במילא לייכטער צו קאָנטראָלירן. עס הייבט אָן דערפילן א פאר־אנטוואָרטלעכקייט פאר זיינע טאטן און עס הייבט אָן זיך רעכענען מיט זיינע מע־שים, לויטן געשמאק פון זיינע עלטערן.

שפּיל און שפּילצייג

יעדע מוטער קען לערנען זייער א סך אויפן געביט פון שפּיל און שפּילצייג פאר קינדער, ווען זי זאל נאר כסדר אבסערווירן איר קינד.

אין עלטער פון איין יאר, האט א קינד ליב צו רוקן שטולן ,בענק און נאך

אנדערע קליינע מעבל-שטיק, אויך צו קלאפן מיט די שפילעכלעך, בכדי ארויסצו-רופן א וואס-הילכיקערן גערודער, ווייל ער האט ליב דעם ווידערקול, דעם עכא פון געקלאפעריי, און דערפאר לייגט עס ארויף איין קלעצעלע אויפן אנדערן, איין בלאָק העכער פון צווייטן, אזוי, אז ווען ס׳וועט אומפאלן, זאָל ער הערן ווי ס׳שיטן זיך מיט איין מאָל א סך זאכן, וואס הילכט אָפּ אין א ריטמישן עכאָ, אין אזא מין קינדער-סימפאָניע. וועלכע פירט אריין דאָס קינד אין א פיינעם הומאָר און רופט ארויס א פריילעך קינדיש געלעכטער, וואָס שטעקט אָן אלע אַנוועזנ-דע אין הויז. אין קאָלירפולע אלבומען האָט עס ווידער ליב די בונטפארביקסטע פיגורן, אויף וועלכע עס ווייזט אָן מיטן פינגערל, אויסרופנדיק איבערראשנדיק: אָ! שפּעטער קומט דאָס זעלביקע פאָר אויך ביי גרעסערע קינדער, ווען אפילו מיט א קליינער ענדערונג.

קינדער פון צוויי, דריי, ביז פינף, זעקס יאָר, שפילן זיך אויך מיט די זעלבע שפילצייג, נאָר אָנשטאָט ארויפצולייגן איין קלעצעלע אויפן אנדערן, איין בלאָק העכער פון צווייטן, שטעלט דאָס גרעסערע קינד צוזאמען פארשידענע געביידעס: לייגט אויס וועגן, בויט אויס פלאָטן און שטעלט אויס אין פארשי-דענע פּאָזיציעס. די קאָלירטע פיגורן שניידט עס אויס מיט א שערעלע אָן שפּיצן, און פאָרמירט פון זיי אויס א פובליקום, וואָס ווערט דורך אים אויסגע-זעצט, אָדער אויסגעשטעלט אין רייען, און ער, דאָס קינד גופא, שטעלט זיך אוועק אנטקעגנאיבער, ווי אויף א בינע, און זינגט, טאנצט און דעקלאמירט, און שטעלט פאָר אזא מין קינדער-טעאטער, אָדער עס מאכט גאָר פון די פיגורן שי-לער, און ער, דאָס קינד, שפּילט די ראָלע פון א לערער, פון א פּראָפעסאָר.

דאָס איז אלץ גערעדט געוואָרן, ווען דאָס קינד שפּילט זיך אליין און ס׳איז טאַקע שטאַרק גייטיק צו צוגעוויינען דאָס קינד צו שפּילן זיך א געוויסע צייט יעדן טאָג אליין ביי זיך אין הויז אָדער הויף. ווייל ווען עס שפּילט זיך אליין אנטוויקלט עס בעסער דעם געדאנק, ווי ווען עס שפּילט זיך מיט אנדערע

קינדער. ווייל ווען עס שפּילט זיך מיט אַנדערע קינדער, נעמט ער נאָר א געוויסן, טײלוויזיע-אַנגעצייכנטן אַנטייל אין שפּיל אָדער עס פירט אויס באַפעלעריש זיין טייל ארבעט, בעת אָבער ווען ער שפּילט זיך אליין, איז עס דער אַנטדעקער, דער דערפינדער פון יעדער פּאָזיציע, פון יעדער ראָלע, עס טראַכט, קאָמבינירט, קאַלקולירט און דעצידירט אליין מיט זיין קינדערישן מוח, אָן דער הילף פון צווייטן. ס'איז אָבער אויך דורך אויס נייטיק, אז די קינדער זאָלן האָבן חברים אין דעם זעלבן עלטער...

אין יעדער שטוב וואו ס'זיינען דאָ קינדער, דאַרפן זיך צווישן די פאַרשידענע שפּילצייג געפינען אויך קלעצעלעך, אויף וועלכע עס זיינען פאַראַן אותיות און נומערן; די מוטער דאַרף פון צייט צו צייט אָנווייזן אויף אַן אות אָדער נומער און אָנרופן זיין נאָמען, און רעפּעטירענדיק אזוי א סך מאָל, וועט דאָס קינד זיך אויסלערנען צו דערקענען די נומערן און אותיות. און ווען דאָס קינד וועט קומען אין פּרעבל-שול, אין קינדער-גאָרטן, וועט עס זייער לייכט קענען צוזאַמענשטעלן ווערטער, און שפּעטער אפילו גאַנצן זאַצן.

מען דאַרף אויך יעדן קינד געבן ריין-ווייסע בלעטלעך פּאַפּיר מיט פאַרשידענע קאָלירטע בלייפעדערס און אויסלערנען זיי מאָלן פאַרשידענע קעגנשטאַנדן: א הייזעלע, א מייזעלע, א קעצעלע און נאָך אזעלכע ענלעכע זאַכן, ביי וואָס דאָס קינד געפינט שפּעטער א גוטן און געלונגענעם צייט-פאַרטרייב און א סך פאַרגעניגן. ס'אַנטוויקלט אויך זייער גוט און דערפאַלגרייך זיין קאָליר-פאַנטאַזיע, וועלכע האָט א גרויסן חלק אין דער אינטעליגענץ...

ס'דאַרפן אויסגעמיטן ווערן צו קויפן שפּילצייג, וואָס צעברעכט זיך לייכט, ווייל ווען א קינד צעברעכט א שפּילעכל, איז ניט נאָר וואָס עס פילט זיך געטראָפן, און ס'האָט עגמת-נפש, נאָר עס דערשרעקט זיך און דאָס ווירקט א סך מאָל שלעכט אויף זיין געזונט-צושטאַנד.

אויך ביכלעך מיט שיינע פּאַנאָראַמע-בילדער דאַרפן אריינגערעכנט ווערן אין דער קאָלעקציע פון שפּיל-צייג.

אָבער נאָך געוואונטשענער זיינען די בילדער-אַלבומען פון שטאָף און ניט פון פּאַפּיר, ווייל אויך ביי דעם געשעט דאָס זעלבע, וואָס ביי די לייכט-צעברעכבאַרע שפּילצייג.

מ׳דאַרף אויך לערנען א קינד ריטם, ד. ה. מען דאַרף עס אויסלערנען מאַרשירן, אויסקלאַפּן מיט די הענטעלעך א מעלאָדיע און אויך זינגען.

ס׳איז אויך נויטיק צו קויפן פאַר די קינדער מוזיק-אינסטרומענטן, אַזעלכע ווי: א פּייקעלע, א פייפל, א טרומייטער, א קליין קינדער-פּיאַנעלע און נאָך אַנדערע ענלעכע אינסטרומענטן. לויט דעם ווי א קינד באַהערשט די דאָזיקע מכשירים קאָן מען זיך שאַפן א באַגריף, צו וועלכן אינסטרומענט דאָס קינד האָט און פילט א ליבע און א נייגונג און צי ס׳אינטערעסירט אים בכלל מוזיק אָדער ניט; צי ס׳האָט בכלל א חוש, א געשמאַק דערצו, און דאָס וויכטיקסטע, צי ס׳האָט אַן אויער פאַר מוזיק-קלאַנגען. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן צו צוגעוואוינען א גרעסער קינד צו הערן ראַדיאָ, פאַרשטייט זיך, אַז מיר מיינען דאָ ספּעציעל צוגעפּאַסטע קינדער-פּראָגראַמען.

יאָ, א שווער פּראָבלעם, א זייער שווער און פאַראַנטוואָרטלעכער פּראָבלעם איז די קינדער-דערציונג, וואָס האָט א גרויסן איינפלוס אויפן שפּעטערן לעבנס-שטייגער פונעם דערוואַקסענעם מענטשן און דערפאַר דאַרף יעדע מוטער זאָרג-פעליק זיך אָפּגעבן ערנסט דעם דאָזיקן פּראָבלעם, כאָטש דאָס פאָדערט א סך געדולד. און דער שליסל — גיבן מיר צו — צו א געזונטער דערציונג און א גו-טער אַנטוויקלונג, איז טאַקע געדולד.



פעליסיא קרומהאָלץ

אין קרייז פון די קינדערלעך פון די ריאָער קינדער־היים בעת די פייערונג
פון איר ערשטן אניווערסאַר

ווי אַזוי קורירט מען שלעכטע געוואוינהייטן

קליינער קען אזוי געניי ארויסזאָגן זיך וועגן דער אומגעהויער - גרויסער צאָל שלעכטע אָדער, בעסער געזאָגט, מיאוסע געוואוינהייטן ביי קינדער, ווי א לערער, ער, וועלכער שטייט אויף דער וואך, אז זיי, די קינדער, זאָלן געהאָר-כזאם און אויפמערקזאם אויפנעמען די לעקציעס, אָבסערווירט זיי גענוי, אין זעט טאקע אָט-אָ די פעלערן, וועלכע קענען אויסקורירט ווערן אָן דער הילף פון א דאָקטאָר, אָדער א מעדיצין. נאטירלעך, קאָן דאָס מעגלעך זיין נאָר דורך א שטארקער אָנשטרענגונג פון די עלטערן גופא, איבערהויפט פון דער מוטער. די מוטער דארף ניט נאָר אכט לייגן אויף דער גוטער און נארהאפטער דערנע-רונג, אָדער דערציאונג, נאָר זי ברויכט אויך האלטן איר קינד אונטער אייגענער אָבסערוואציע וועגן זיינע זיטן און מאניערן. זי טאָר בשום אופן ניט גרינגשעצן א וועלכע עס זאָל ניט זיין שלעכטע געוואוינהייט, איינרעדנדיק זיך, אז ווען דאָס קינד וועט עלטער ווערן און האָבן מער שכל, וועט עס אליין פארשטיין, און זיך אָפגעוואוינען פון דעם לעצטן, ווי צום ביישפיל; זויגן א פינגער אָדער אים סתם האַלטן אין מויל, בייסן די נעגל פון די פינגער, מריגען מיט די אויגן, ציען מיט דער נאָז אָדער גאָר ציען מיט דער אויבערשטער ליפ, אז די נאָז ווערט אזש מיט-געשלעפט, קריצן מיט די ציין און נאָך א סך אזעלכע ענלעכע משוגעדיקע. פע-לערן, צוליב וועלכע א סך עלטערן ווענדן זיך צום דאָקטאָר, מיינענדיק, אז דאָס האָט צו טאָן מיט נערוון.

מען פאשעט דאָס קינד מיט פארשידענע מעדיצינען, וואָס רופן גאָר א סך מאָל ארויס אן אמתדיקע קראנקהייט.

אמת טאקע, אז ניט לייכט קומט אָפטמאָל אָן אָפצוגעוואוינען דאָס קינד פון אָט-אָ אזא געוואוינהייט.

אָבער מען טאָר ניט אויפגעבן די האָפענונג, און אויך ניט פארנאכלעסיקן.

די קוראציע באזירט זיך אויף דריי הויפּט-פּונקטן:

געדולד, געדולד און געדולד.

באלד ווי מען באמערקט, אז דאָס קינד האַלט דעם פינגער אין מויל, אָדער בייסט די נעגל, דארף מען אים ארויסנעמען דעם פינגער פון מויל, אויפקלערנ-דיק אים, אז ערשטנס איז עס א ניט שיינע געוואוינהייט, צווייטנס קען דאָס פאראורזאכן א קראנקהייט, ווי ארייַנשלינגענדיק א סך באקצילען, וועלכע האלטן זיך אונטער די נעגל, אָדער באשעדיקן די לונגען, צוליב דעם געשטערטן צופלוס פון לופט.

אויב מעגלעך, דארף מען דעם קינד געבן עפּעס אין האנט צו פארשפּילן זיך, וועט עס במילא ניט פילן די נויטווענדיקייט אריינצולייגן דעם פינגער אין מויל. מ'דארף וואָס ווייניקער רעדן וועגן זיין מיאוסער געוואוינהייט, און וואָס מער אויסנוצן באשעפטיקונג פאר זיינע הענט.

ערגער איז אָבער מיט די, וואָס מריגן מיט די אויגן. ביי זיי איז ניט פאַ-ראן קיין באשעפטיקונג. זיי מאכן דאָס טאקע נאָך שנעלער ביי דער ארבעט, ביים שרייבן, לעזן אָדער האַנט-אַרבעט. ביי זיי ברויך מען אָננעמען אַנדערע מיטלען ,ווי דערגיין ד. ה. אויספארשן, וועלכע זאכן זיי האָבן אממייַנסטן ליב, ווי גיין אין טעאטער, קינאָמאטאָגראף זען א שיין בילד פון ספּאָרט און הומאָר, אָדער גיין אויף דער פלאזשע, דאן ברויך מען דאָס פארגעניגן ביי זיי צונעמען, דערקלערנדיק, אז אזוי לאנג, ווי דאָס מרוגען מיט די אויגן וועט אָנהאלטן וועלן זיי א חוץ אין שולע, אין ערגעץ ניט קומען.

פון הארץ צו הארץ

פארבענקטע נאָך זייערע אויסגעחלומטע פארגעניגנס, וועלן זיי פריער, אָדער שפעטער ברעכן זייער עקשנות, און אָנהויבן אליין זיך באהערשן, און מיט איי-גענעם ווילן באקעמפן דעם דאָזיקן פעלער...

די הויפטזאך פאָדערט זיך א סך געדולד.

די עלטערן ברויכן אויך וויסן, ווער ס'זיינען די חברים פון זייערע קינדער, ווייל אָפטמאָל נעמען די קינדער די מיאוסע געוואוינהייטן פון זייערע חברים. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס א סך קינדער האָבן ליב צו אימיטירן אנדערע.

בכלל, איז אין אזעלכע פאלן זיך ניט דאָ נאָך וואָס צו ווענדן צו א דאָק-טאָר. מיט אביסל שטרענגקייט און מיט חכמה קען מען אויף דעם געביט האָבן דערפאָלג, דעם בעסטן רעזולטאט אויף דעם געביט גיט געדולד.

נו, ווען א מוטער וויל אָפּגעוואוינען א קינד פון אזעלכע שלעכטע געוואוינ-הייטן, נעמט זי אים אויפן שויס, שליסט איין זיין רעכט הענטל אין איר האַנט, און ווייזט אים פארשידענע בילדער, לייענט פאר אים שיינע קינדער-מעשהלעך, וועלכע פארכאפּן זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט, און א פאראינטערעסירטער אין די דערציילונגען, פארגעסט ער צו מאניפולירן מיט זיינע מיאוסע געוואוינ-הייטן, און אזוי ארום געוואוינט ער זיך איינציקווייז אָפּ פון זיין שלעכטער גע-וואוינהייט, וועלכע האָט געקענט ברענגען שעדלעכע רעזולטאטן פאר זיין צו-קונפט...

ס'איז נויטיק אין א סך אזעלכע פאלן א באשטראָפונג, אָבער דורך אויס ניט מיט אזעלכע מיטלען ווי פארשליסן א קינד אליין אין א פינצטער צימער אָדער גאָר עס אָפּשרעקן מיט רופן פאָליציי... די שטראָף דארף באשטיין, אין אָפּשטעלן קויפן פאר אים די שיינע רעוויסטעס, צו וועלכע ער איז שוין צוגע-וואוינט, ניט ברענגען אים קיין נאשווארג און בכלל ניט צערטלען אים.

אלענפאלס, איז אין אלע עניגים נויטיק געדולד און אויסדויער, און ניט קיין מעדיצינישע הילף.

בראנדא

טאכטער פון דער פּיאַנאָ־קינסטלערן מרים און ישראל דיאַמאַנטע

פארצוויפלונג איז סם

טויזנטער געלערנטע זיצן פארשפארט אין די לאבאָראטאָריעס און מיט אי-בערמענטשלעכער עקשנות ארבעטן זיי, צו געפינען מיטלען, וואָס זאָלן פאר-היטן די מענטשן פון א פריצייטיקן טויט און פון ליידן, וואָס פייניקן מיליאָנען מענטשן בעת פארשידענע קראנקהייטן.

טעג און נעכט ארבעטן גאנצע מחנות געלערנטע צוזאמען מיט זייערע אסיס-טענטן; זיי מאכן טויזנטער און טויזנטער עקספערימענטן, כדי צו קענען ליי-דערן די ליידן פונם קראנקן . קיין איינפאכער מענטש איז ניט אימשטאנד צו פילן דעם פיין פון די דאָזיקע געלערנטע, וועמענס ליידן עס זיינען אָפטמאָל ניט לייכטער ווי די ליידן פון די קראנקע מענטשן, וואָס זיינען צום טויט פארור-טיילט.

פונדעסטוועגן ווערן זיי ניט פארצווייפלט. זיי זיינען זיכער, אז זיי וועלן: געפינען די געוואונטשענע מיטלען אָפצוראטעווען די קראנקע מענטשן פון א זיכערן טויט. דאקעגן די מוטער, ווי נאָר איר קינד ווערט חלילה קראַנק, ווערט זי באלד אויסער זיך, זי ווערט פארצווייפלט ביז גאָר און אין שטוב גייט אלץ אויף רעדלעך. און דאָס ווירקט זייער שלעכט אויפן קראנקן קינד. אָפטמאָל פארערגערט זיך דעם קינדס געזונט-צושטאנד בלויז פון אָט-דער שרעק וואָס באפאלט אים צוליב דער טרויעריקער שטימונג, וואָס הערשט אין הויז.

* * *

מלכה אפּעלבוים

אין לעבן פון מענטשן טרעפט זיך גאַנץ פאַרשידנס: מען גייט דורך הייס און קאַלטס, זאָרג און צופרידנקייט, דערפאָלג און דורכפאַל. אָבער אויף די אַלע אומוועגן, וואָס מען מאַכט דורך אין לעבן, מוז מען וויסן איין וויכטיקע זאַך, נישט פאַרצווייפלען.

פאַרצווייפלונג איז סם.

טאַקע די מוטער, די פרוי, דאַרף זיך אָנשטרענגען ווי ווייט מעגלעך און נישט דערלאָזן צו קיין שווער געמיט אין הויז, בכדי נישט צו פאַרלירן די ענערגיע און לוסט פאַר דעם ווייטערדיקן קאַמף אויפן שווערן לעבנס וועג, און נאָכמער אין דער שווערער שעה פון קראַנקהייט.

עס איז ריכטיק, אַז היינטיקע צייטן איז נישט אַזוי לייכט זיך צו באַפרייען פון זאָרג און שווערע שטימונג, ווייל מען איז נערוועזיש, אָבער עס איז ווערט די מי. עס ברענגט גליק און גוטע רעזולטאַטן בכלל, און פאַרן קינד בפרט.

אויף דער פרוי ליגט די גרויסע אויפגאַבע צו שאַפן אין דער היים א געמיט־לעכע און זאָגאַר אפילו א געקינסטלט־פרייילעכע שטימונג, אַזוי, אַז דאָס קראַנקע קינד זאָל האָבן די זיכערקייט, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי ערנסט־קראַנק ווי עס האָט געמיינט. א פאַקט — אין שטוב איז די שטימונג א גוטע, אפילו א פריילעכע אַיי, עס פילט שטאַרקע שמערצן, — דאָס איז געוויס בלויז איבערגייענדיק. עס איז מיט דער פולסטער האָפענונג, אַז גאָר אין גיכן וועלן די ווייטיקן פאַר־שווינדן, און אָט־אָ־די איינרעדעניש פון דעם קראַנקן קינד העלפט א סך מיט ביים קורירן זיין קרענק.

אָבער ווען דאָס קינד כאַפּט זיך, אַז די עלטערן עסן נישט גוט, אַז מען נעמט אַראָפּ פון טיש די טעלער כמעט אַזוי ווי מען האָט זיי אַרויפגעשטעלט, דאַרף מען אים מיט א שמייכל דערקלערן די טעאָריע פון דעם גרויסן וועלט־באַרימטן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט געזאָגט, אַז א מענטש, וואָס עסט א סך מיטאָמאָל, איז נישט פעאיק צו טראַכטן, אָריגינעל און גוט. אויך אַז טאָלסטאָי האָט געגלויבט, אַז

פון הארץ צו הארץ.

ווען א מענטש פרעסט זיך אָן, דערוועקט זיך אין אים דאָס ברוטאלע, דאָס חיה׳שע און ער איז וויניקער געניגט צו עטישע האַנדלונגען. בכלל דאַרף מען אים זאָגן, אז דאָס עסן צופיל מיטאמאָל ברענגט אלערליי קראנקהייטן. אלענפאלס טאָר דאָס קראנקע קינד בשום אופן ניט וויסן,אז די ריכטיקע סיבה פון זייער ניט-עסן איז זיין שווערע קראנקהייט, ווייל דאָס לעצטע וואָלט געקאָנט דערפירן צו א נערוון-צעטרייסלונג. וואָס קען שאפן א קאָמפּליקאציע. וואָס באשווערט דאָס קורירן די ריכטיקע קרענק. די קלוגע פרוי. דארף מיט אלע כוחות בא-הערשן די געדריקטע שטימונג. זי דארף זיך באמיען אז אלץ אין שטוב זאָל זיין אין אָרדנונג. איבעראל ריין און ציכטיק, יעדער אין שטוב זאָל זיך פארהאלטן שטיל און רואיק, ווייל דאָס לעצטע איז א גרויסער ביישטייער אין דער קוראציע.

חנה מרים און ביילע

טעכטער פון דרא. לואיזא און דר. משה עשריקי

נערוועזיטעט ביי קינדער.

דעם אויסדרוק א נערוועאיש קינד באנוצן מיר יעדן טאָג, און עס דוכט זיך, אז אלע ווייסן מיר גענוי, וואָס מיר ווילן זאָגן מיט דעמדאָזיקן אויסדרוק. אָבער ווען א סך פון אונדז, וועלכע זאָגן דאָס, וואָלטן זיך פארטראכט אויף וואָס עס באזירט זיך די נערוועזיטעט, וואָלטן מיר א סך ליידן אויסגעמיטן.

אונטער דעם אויסדרוק "נערוועזיטעט" באהאלט זיך א גאָר לאנגע קייט קראנקהייטס-דערשיינונגען, אָפט פארשידנארטיקע, און זאָגאר שטארק היפּכדיקע איינע צו די אנדערע.

לאָמיר פּרובירן קלאָר ווערן:

מערסטנטייל האָבן מיר צו טאָן מיט דריי טיפּן נערוועזע. די ערשטע: קינ-דער, וועלכע זיינען עמפּינדלעך, וועלכע רעאגירן מיט א שטארקער נערוועזיטעט אויף יעדער קלענסטער איבערלעבונג, וועלכע נעמען זיך צום הארצן א ליאדע-וואָס, ווי צום ביישפּיל, מיט א געוויינלעכער טאָג-טעגליכער לעבנסדערשיינונג.

צום צווייטן טיפּ - געהערן קינדער, וועלכע זיינען שווער צום האָדעווען, קינ-דער, וועלכע זיינען נישט פעאיק איינצולעבן זיך מיט אנדערע: קינדער, וועלכע ווילן בשום אופן זיך נישט בויגן פאר וועלכע עס זאָל נישט זיין דיסציפּלין.

צום דריטן טיפּ — געהערן קינדער, וועלכע האָבן ווירקלעך א נערוון-קרענק — א ירושה פון די עלטערן. אָט-אָ די לעצטע מוז מען אָן שום באדינג האלטן אונ-טער א מעדיציניש אויפזיכט, מ'דארף זיין אונטער דער אויפזיכט פון א ספּע-ציאליסט, און אין שטארק שווערע פאלן ברויך מען עס אריינגעבן אין א ספּעציעלן

אנשטאלט. און דאן קומט דער געוואונטשענער רעזולטאט. אין געגנפאל קען זיך די קרענק אנטוויקלען און איבערטראגן לייכט אויף דער שפּעטערדיקער צייט, און קען טיילמאָל לייגן א חותם אויפן גאנצן לעבן.

ווען מיר זאָלן זיך שטעלן די פראגע, פארוואָס די נערוועזיטעט ביי קינדער דערשיינט אין פארשידענע געשטאלטן, וואָסערע קאָנסעקווענצן זי דראָעט, און איבערהויפּט פארוואָס זי דערשיינט אזוי אָפט, וואָלט דער ענטפער נישט געווען קיין שווערער; ער וואָלט געווען אָט-וועלכער:

ס׳קינד איז סיי פיזיש, סיי פּסיכיש א נישט-צייטיקער עלעמענט: עס האלט זיך אין פאָרמירן, און טאָקע די פאָרמירונג פארנוצט א זייער גרויסער טייל ענער-גיע. און דידאָזיקע ענערגיע, וועלכע ווערט פארנוצט אויפן אנטוויקלען זיך, פעלט אויס אין טאָג-טעגלעכן לעבן. און אָט-א-דאָס איז גורם א צעשטערונג פון גלייכ-געוויכט, די וואקלעניש, אינדערצייט ווען א צייטיקער אָרגאַניזם, א געזונטער, בא-זיצט א באצייכנטע גלייכגעוויכט און א פעסטקייט אין יעדער טעטיקייט.

ווי אזוי קען מען דערקענען די נערוונקראנקהייט ביי קינדער?

ווי אזוי קען מען דערקענען, איידער זי נעמט אָן אַן ערנסטן כאַראַקטער?

דאָס ערשטע דערקענט מען אין די אויגן. די אפּלען, באַוועגן זיך שנעלער ווי געוויינלעך.

קאלטע הענט און פיס, וועלכע ס׳איז שווער אפילו אין בעט צו דערווארעמען; איבעלקייט, פארמאַטערטקייט, לייכטע האַרץ-קלאַפּונגען, שוויצן, טיילווייז געהע-כערטע טעמפּעראטור און א סך מאָל זאָגאר א הויטאויסשיטונג.

ווי מיר זען, איז דאָס קינד נישט שולדיק ווי אַ טייל פון אונדז ווילן באהויפּטן באצייכענענדיק זיין קרענק אלס שלעכטקייט, אז זיין כעס מאכט אים נערוועאיש.

ס׳איז א זינד אזוי צו טראַכטן. דאָס קינד איז נישט שולדיק. ס׳איז ליידער באוועלט פון די נאטור, דאָס נערוועאישע קינד באזיצט נישט אזא מאָס ענערגיע, וועלכע זאל סטייען אי אויף דער אנטוויקלונג, אי אויפן טאָג-טעגלעכן לעבנס-פארברויך, און דער פאר טאָרן מיר נישט מיט געוואלד, ווען גובר-זיין זיין קרענק

פארקערט, אנשטאָט צו פארבעסערן זיין צושטאנד, קען מען זי גאָר נאָך מער פארערגערן. מען קען דערגרייכן א נעגאטיוון רעזולטאט ווען מען האַנדלט אומ-באטראכט און איילִיק. דאָס קינד קען ווערן דאָס, וואָס מען פלעגט רופן היסטע-ריש, און אזעלכעס קען מען שוין זיכער מיט גוואלדמיטלען נישט היילן, כאָטש דאָקטוירים באהויפּטן לעצטנס, אז מ׳דארף יאָ באקעמפן מיט כוח, פונדעסטוועגן ווילט זיך אונדז נישט גלויבן, אז ס׳גיט א געוואונטשענעם רעזולטאט.

מען טאָר אָבער אויך נישט צופיל נאָכגעבן אזא קינד, כדי נישט צו ווייזן אים אז אדאנק זיין קראנקייט האָט עס פּריווילעגיעס און אנשטאָט מיטצוהעלפן אויס-היילן זיין קרענק, זוכט עס איינצוואָרצלען זי וואָס אַמאָל מער און מער בכדי נישט צו פארלירן דידאָזיקע פּריווילעגיעס, וועלכע מאַכן אים פאר א גאנצן מיוחס.

דאָס איינציקע מיטל צו היילן אזא קינד איז: מיטהעלפן אים אומבאמערקט אין יעדער פּאזיציע אין וועלכער עס איז וואקלענדיק וואו עס האָט נישט דאָס גלייכגעוויכט, נישט שטראָפן אים פאר זיין דורכפאל. פארקערט, דערקלערן אים, אז דאָס איז א זאך, וואָס קען יעדן טרעפן. אויפווייזן אים, אז פארצווייפלונג איז א שוואכקייט און לערנען נישט פארצווייפלען, נאָר ווידערמאָל זיך נעמען צו די נישט פינקטלעך גוט אויסגעפירטע ארבעטן און אזוי ווי נישט באמערקטערהייט אים ארויסהעלפן, באנוצנדיק זיך דערביי מיט אביסל הומאָר, וועלכע דאַרף הויבן זיין מוט. דערקלערן אים, אז די אלע איצט טיילוויז שווערע ארבעטן וועלן אים מיט דער צייט זיין זייער לייכט. אזוי ארום וועט דאָס קינד דערזען, אז עס לוינט אים נישט צו קרענקען צוליב די נארישע פּריווילעגיעס, וועלכע ער האָט, ווייל סיי ווי באציט מען זיך צו אים זייער איידל, זייער צארט. און ער גופא וועט אָנ-הויבן קעמפן מיט איר. און דאן ערשט באקומט זיך דער געוואונטשענער רעזולטאַט. ווייל נישט קיינער, ווי דאָס קינד גופא קען ארויסוואָרצלען די ביטערע קרענק, די נערוועזיטעט, וועלכע קען צום שלוס פארוואנדלען דאָס נערוועאישע קינד אין א קראנקן נערוועאיש-פסיכישן מענטשן, אין א נעאוראָפאט, אָדער פּסיכאָפּאַט.

פייוול



בצלאל

זין פון צילא און פנחס אפעלבוים

דער געדאנק ביי קינדער

װען עמיץ זאָל װעלן געגױ און דײטלעך שטודירן און פֿאָרשן דעם געדאַנק בײַ קינדער, װאָלט ער זיך געדאַרפֿט אַרײַנלאָזן אין אַן אומענדלעך-ריזיקן פֿעלד פֿון דער קינדער-פּסיכאָלאָגיע, װײַל עס זײַנען פֿאַראַן זײער און זײער אַ סך פּראָבלעמען װעלכע זײַנען דער אָביעקט,ממש דער הױפּט-נערװ, פֿון קינדס געדאַנק, און טאַקע אָט-אָ-די, לױטן אױסזען גאָר לײַכטע און װײניק אין צאָל קינדער פּראָבלעמען, אָט-אָ די דאָזיקע פּראָבלעמען פֿון קינדס-געדאַנק, זײַנען שױן דווקא ניט אַזױ קלײן אין צאָל ; זײ זײַנען כּמעט אַזױ גרױס אין צאָל, װי די פּראָבלעמען פֿון לעבן אין אַלגעמײן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ: זײ זײַנען אפֿשר שװערערע װי די פּראָבלעמען פֿון לעבן פֿון די דערװאַקסענע, װײַל זײ זײַנען פֿאַרהױלן, אַבסטראַקט, אָפּטמאָל װײסט מען ניט װי אַזױ, און װען זײ דאַרפֿן באַהאַנדלט װערן ; מען װײסט ניש װען עס באַװײַזט זיך בײַם קינד די התחלה פֿונם געדאַנק.

אַ סך גרױסע געלערנטע, גרױסע לױט זײערע פֿאָרש-אַרבעטן, לױט זײערע טעאָריעס װי אױך פֿון זײער פּראַקטיק, זײַנען בײ דער מײנונג ,אַז דער געדאַנק בײַם קינד דערשײַנט צוזאַמען מיטן לשון. אַנדערע װידער זײַנען נישט מסכּים מיט אַזאַ מסקנה און זײ װײַזן-אָן ,אַז דער געדאַנק בײַם קינד קומט פֿריער װי

ס׳לשון. אלנפאלס איז איין זאך קלאָר: אז דער געדאנק ביי קינדער בייט זיך לאנגזאַם און שטופּנוויז. עס קומען פאָר אין קינדס געדאנק אָפּטע, און גאָר לאַנגזאמע ענדערונגען. עס קומט פאָר אזא מין שטייגונגס-פּראָצעס, וועלכער פאָדערט זייער א סך אויפמערקזאמקייט און נאָכפאָרשונג, בכדי צו קענען דערגיין די פּרטים פון דער אנטוויקלונג פונם קינדס געדאַנקען-גאַנג. און דאָס איז א זייער שווערע און פאראנטוואָרטלעכע אויפגאבע, וועלכע באלאנגט צו דער עובדא פון דער דערציערין, דער מאמען, אויסשליסלעך צו איר. און כדי דאָס צו טאָן אזוי גוט ווי מעגלעך, דארף זי, די מוטער, נעמען אָבסערווירן איר קינד באלד פון זיין געבוירן אָן, און זי וועט זען, אז דער דענק-אופן ביים קינד בייט זיך פיר מאָל.

אמת טאקע, אז אין אלגעמיין קען מען ניט באצייכענען אויף קלאָר דעם איבערגאנג פון איין דענק-אופן צום צווייטן; מ׳קאָן אויך ניט וויסן, צו מיטן איבערגיין צום צווייטן דענק-אופן פארלירט מען דעם ערשטן, אָבער מערוויייניק קען מען האָבן א שטיקל באגריף, וואָס זאָל מיטהעלפן ביים דערציען, און ביים אנטוויקלען ווי געהעריק דעם געדאנקען-גאנג ביים קינד.

די ערשטע סמנים פון דער אנטוויקלונג פון קינדס געדאנק קען מען זען, ווען מען ווייזט דעם קינד פארשידן-קאָלירטע שפּילצייגן און מען אָבסערווירט, וועלכע קאָלירן עס געפעלן אים בעסער, מיט וועלכע ער וויל בעסער זיך שפּילן, און בכלל וועלכע עס האָט ליבער און פארהאלט לענגער אין זיינע הענטלעך. דאָס הייסט געדאנק: דאָס מיינט צו זאָגן, אז דאָס קינד, ביים אויסוויילן א שפּיל-צייג פאר זיך, ראציאָנירט שוין מיט זיין געדאנק. דאָס זעלבע קען מען אויך באמערקן ביים פארשפּילן דאָס קינד מיט א לידל. א סך קינדער, אפילו ווען זיי קענען נאָך ניט רעדן, גיבן זיי צו פארשטיין מיט זייער מימיק, וועלכע לידל זיי האָבן בעסער ליב. צום ביישפּיל: ווען מען זינגט פארן קינד אזא לידל, וואָס עס האָט ליב, לייגט עס אוועק ס׳קעפּעלע און ליגט רואיק, הערט זיך איין א שטיקל צייט אין זיין באליבטער מעלאָדיע און שלאָפט-איין; דאקעגן

אָבער, אויב מ׳זינגט עפּעס טרויעריק, אָדער א סתם אים ניט באליבט לידל, דרייט עס זיך אומצופרידן, קאָפּעט מיט די פיסלעך, און צום שלוס צעוויינט עס זיך. אָט דאָס איז א סימן, אז זיין געדאנקען־גאנג איז א נאָרמאַלער, אז זיין דענק־אופן מאכט ריכטיק דורך דעם אנטוויקלונגס־פּראָצעס.

און טאָמער איז א קינד גלייכגילטיק צו אלץ און צו אלעמען, איז א סימן, אז זיין באנעם איז אביסל טעמפּ: אז די אנטוויקלונג פון זיין געדאנק ליידט פון א דעפּרעסיע. דאן דארף די מוטער אויסלערנען דאָס קינד אונטערשיידן פון גוטס צו שלעכטס, פריילעכס אָדער טרויעריקס. זי דארף ווייזן דעם קינד צוויי שפּיל־זאכן, — איינס א שיינס מיט א פארשידנפאַרביקן קאָליר, און דאָס צווייטע — א טונקלס אָדער מיט א שווארצן קאָליר. ווען זי גיט אים דאָס ערשטע, דארף עס שמייכלען, ארויסווייזן פריילעכקייט און צופרידנקייט, דאקעגן ביים צווייטן דארף עס ארויסווייזן אומצופרידנקייט, פארציען א גרימאסע אויפן פּנים, עפּעס אזא מין טרויעריקייט. דאָס איז נוגע אויך דעם ניגון. אזוי ארום וועט דאָס קינד אָנהויבן אונטערשיידן און ביסלעכווייז אליין ראציאָנירן מיט זיין געדאנק, — דערקענען דעם אונטערשייד פון שיינע, זוניקע, ביז נעפּלדיקע־גרויע קאָלירן: פון פריילעכע אלעגרעט־מעלאָדיעס ביז טרויעריקע, פאמעלעכע.

מ׳דארף דאָס קינד אויך צוגעוואוינען צו וויסן, וואָס מען מעג יאָ און וואָס מ׳טאָר ניט. כ׳בין ניט מסכים מיט די מוטערס, וואָס זאָגן, אז ווען ס׳קינד וועט עלטער ווערן, וועט עס שוין ממילא אליין וויסן וואָס מ׳מעג און וואָס מ׳טאר ניט. ס׳איז לעכערלעך דעם קינד דאָס צו דערקלערן, טענהן א סך מוטערס ווייל ס׳איז נאָך צו קליין, אז ס׳זאָל קענען באַגרייפן. אמת, דאָס קינד אין עלטער פון איין ביז דריי יאָר וועט דאָס ניט פארשטיין, און ס׳איז נאַטירלעך, וואָס עס קען דאָס ניט פארשטיין, ווייל אין דעם עלטער איז דאָס קינד ניט אימשטאַנד ריכטיק צו באנעמען וועלכן עס זאָל ניט זיין באגריף. עס איז ניט רייף, אז עס זאָל קענען אונטערשיידן די גוטע אָדער שלעכטע קאָנסעקווענצן, די אומגעוואונטשענע אָדער גאר גוטע רעזולטאַטן פון זיין האנדלונג. טאקע דעריבער

איז דער חוב פון דער מוטער, אז זי זאָל דאָס קינד ספּאָנטאַן צוגעוואוינען צו דעם, און שפּעטער ערשט וועט דאָס קינד פאַרשטיין ריכטיק אָפּצושאַצן, פאַרוואָס זיין מאַמע פלעגט אַזוי פיל כוח אים דאָס אויסצולערנען צוגעוואוינען. עס וועט מער-ווייניק פאַרשטיין, פאַרוואָס זיין מאַמע פלעגט אין אים אַזוי פיל אַריינרעדן און אָנווייזן, וועלכע זאַכן זיינען פאַר אים גוט און וועלכע קענען אים מאַכן ליידן. אַזוי אַז פון דריי ביז זעקס יאָר וועט שוין דער מוטערס אַרבעט זיין אַ לייכטערע, ווייל דאָס קינד וועט שוין זיין צוגעוואוינט אָפּצוהיטן די כללים פון פריייהייט און פאַרבאָט. ס׳וועט זיך שוין וויסן צו היטן, ווייל ס׳וועט מער-ווייניק שוין באַגרייפן, וואָס פון דעם קען אַרויסקומען, אי פון געוואוינהייט.

אַ קינד אין עלטער פון דריי ביז זעקס יאָר וועט שוין ניט כאַפּן אין האַנט פייער, ניט אָננעמען ס׳מעסער ביי דער שאַרף, ס׳וועט ניט אַריינלייגן קיין שמוץ אין מויל און אַזוי ווייטער. יאָ, אַ קינד אין עלטער פון דריי ביז זעקס יאָר הויבט שוין אָן פאַרשטיין, וואָס עס קאָן אים מאַכן ליידן, און עס באַמיט זיך מער-ווייניק פון דעם זיך אויסצוהיטן, ווייל קינדער האָבן ניט ליב צו זיין קראַנק און ליגן אין בעט. אמת טאַקע, אַז נאָך ניט אַלץ פאַרשטייט עס אויף דעם געביט און ס׳איז נאָך דאָ גענוג מיט דער קליינער חברה אויסצושטיין, אָבער מער-ווייניק, ווייסט שוין דאָס קינד אין דעם דאָזיקן עלטער, וואָס מ׳מעג און וואָס מ׳טאָר ניט.

ריכטיקער הויבט עס אָן צו פאַרשטיין, ווען עס גייט אַריין אין דער דריטער פאַזע, ד. ה. אין עלטער פון זעקס ביז ניין יאָר. דאַן קומט שוין צו הילף די שול, וועלכע באַוועגט זיין געדאַנק צו ראַציאָנירונג. דעמאָלט הויבט דעם קינדס געדאַנק אָן זיך אויסשיילן פון זיין קינדערישקייט און אויפן אָרט פון לעצטן הויבן אָן צו שפּראָצן די וואָרצלען פון אינטעליגענץ, עול און מאָראַל, פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַמביציע, וועלכע פירט צו אומאָפּהענגיקייט, וועלכע

פון הארץ צו הארץ.

דאָס קינד דערגרייכט, ווען ער גייט אריין אין דער פערטער פאזע, וואָס רעכנט זיך פון ניין ביז פערצן יאָר. ערשט דעמאָלט באמערקט זיך דער מהלך דער גרויסער שטח, וואָס מ'האָט דורכגעמאכט.

אָבער נאָך די אלע שוועריקייטן וואָס מען איז דורכגעגאנגען, טאָר מען זיך נאָך ניט אלץ אָפּרוען, נאָר ווייטער שטיין אויף דער וואך און היטן די אויס-פירונג און די עקספּעריענץ פון זיין נאָך ניט באפעסטיקטן געדאנק. מ'דארף מיט חכמה אים אויסלערנען דערקענען דאָס לעבן מיט זיינע פארוויקלטע פּראָבלעמען. מ'דארף אים אָנווייזן, וואָס קאָן מיט אים פּאסירן, אויב עס וועט זיך פארנעמען אויף א ניט-ריכטיקן דרך פון זיין נאָך יונגען געדאנק: מ'דארף אים צוגעוואוינען צו ווידמען זיין געדאנק, זיין ענערגיע, צו נוצלעכע און ניט פּוסטע פּראָבלעמען, וועלכע קענען צעברעכן זיין קאריערע און זיין לעבנס עקזיסטענץ.

פנחס בנימין

זון פון חנה און לייבטשע פעלזענשוואלב

די מורא ביי קינדער

דער מעטאָד פאַר קינדער־דערציונג, ווי שטרענג און שווער ער זאָל נאָר נישט זיין, האָט אויך זיין שיינע און גוטע זייט, וואָס קאָנצענטרירט אביסל די מחשבות, די א סך מאָל נישט געגוג אויסגערעכנטע, אָדער, בעסער געזאָגט, די בליציקע געדאַנקען, טרייסלט אָפּ דעם שטויב פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן און זאָרג און ברענגט אביסעלע פרייד, וואָס פאַרווישט דעם שימל פון דער גרויער וואָכעדיקייט. ווייל פון דעם קינדער־געטומל, וואָס פילט אָן דאָס הויז, הערט זיך אויך געזאַנג און געלעכטער. און דאָס לעצטע אליין איז שוין אין א גרויסער מאָס א גאָר גענוגנדיקע פיינע באַלוינונג פאַר דער שווערער אַרבעט, וואָס עס פאָדערט דער מעטאָד פאַר דעציונג.

יאָ, יאָ, איין שמייכל פון א קינד — און אין אלע ווינקלען פון הויז ווערט פרייליך. דעריבער מאַקע דאַרף די מוטער, די דערציערין, זיך באַמיען אַלץ צו טאָן, אבי נישט צו דערלאָזן פאַרכמורען דאָס קינדערישע פּנימל, וואָס שאַפט די שטימונג אין הויז, וואָס איז דער סימבאָל פון דער הויז־ שטימונג. און אויפן ערשטן אָרט קודם־כל דאַרף זי באַזייטיקן ביים קינד די מורא, וועלכע איז אסך מאָל גורם נישט נאָר טרויעריקייט, דערשלאָגנקייט און אומעט, נאָר, גאָר אפילו אויך קראַנקהייט. און בכדי צו וויסן ווי אזוי מען באַזייטיקט מורא

מלכה אפעלבוים

ביי קינדער, מוז מען פאר אלעם פאַרשן און זוכן און דערגיין די סיבה דער-פון. מען דארף קודם-כל זען אויסצוגעפינען, פון וואָס און פון וואנען די דאַ-זיקע מחלה קומט. ס'איז קלאָר, עס איז גאנץ פארשטעגדליך, אז דאָס קינד ווערט געבוירן פריי פון דעמדאָזיקן געפיל און עס וויס אפילו ניט, וואָס עס באדייט דאָס דאָזיקע וואָרט "מורא": עס באגרייפט גאָרניט דעם דאָזיקן כא-ראקטער און נאָך ווייניקער, זיין אינהאלט. ערשט דאן, ווען עס פאסירט, חלילה, אן אומגליק, ווען דאָס קינד טרעפט זיך צוזאמען פנים אל פנים מיט עפּעס א ניט-אנגענעמער, א שלעכט געשעעניש, ווען עס שטויסט זיך אָן אויף עפּעס אזא מין שווערקייט, וואָס מאכט עס שטארק לײדן, וואָס ברענגט ווײ-טיק און טרויעריקייט און נאָכמער פון אלץ, ווען עס פילט זיך מער ווייניק באַדראָט, דערפילט עס ספּאָנטאַן דעם דאָזיקן פחד-געפיל, וואָס ווערט באצייכנט מיטן נאָמען „מורא".

אויב א קינד איז ווען-עס-איז צעביסן געוואָרן פון א קאץ אָדער הונט וואָס האָט אים גורם געווען זייער א סך לײדן און צרות, וועט אָט-אזא קינד שוין שפּעטער אויסמיידן און אנטלויפן פאר אזא חיה, עס וועט דערשראָקן ווערן און אויפציטערן בלויז אויפן אָנבליק פון איר, מעג זי זיין א געזונטע, א רואיקע און א אויסדרעסירטע און צוגעלאָזענע, וואָס האָט גאָרניט בדעה דעם דאָזיקן קינד חלילה עפּעס שלעכטס צו טאָן. דאָס קינד האַלט זיך ביי ס'זייניקע און ס'וועט שוין גאָרניט העלפן כדי ארויסצורייסן, ארויסצוואָר-צלען פון אים די דאָזיקע מורא.

יאָ, בלויז אויפן אָנבליק פון אזא חיה, וועט אזא קינד ווערן זייער נער-וועאיש און דערשראָקן און עס וועט דעמאָלט ניט העלפן קיין שום דערקלע-רונג אָדער אויפקלערונג וועגן דער זינלאָזיקייט און אומבאגרינדעטקייט פון זיין פחד, ווייל דער דאָזיקער מוראָדיקער שרעק, ווי אן עכאָ פון יענער פאסי-רונג, דאָס דאָזיקע געפיל, ליגט שוין ביים קינד אין זיין אונטערבאוואוסט-

זיין, און ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק מאַניפעסטירט זיך זיין שרעק ביי יע-דער ענלעכער סיטואציע צו יענער, וועלכע האָט אים געמאכט אזוי פיל ליידן. עס דאכט זיך אים, דעם דאָזיקן קינד, ווען עס באגעגנט די דאָזיקע חיה, אז ווידעראמאָל איז עס אין געפאר, ווידער איז עס באַדראָט, אז ווידעראַמאָל וועט אים אויסקומען זייער א סך צו ליידן צוליב דעם דאָזיקן באשעפעניש.

זאגט מען דאָך עפּעס, אז די "מורא" האָט גוואלדיק גרויסע אויגן, און דער אונטערבאוואוסטזיין איז קערנדיק. נו, איז גאנץ פארשטענדלעך, אז די פּרוכט פון אָט-אזא אומגעלונגענעם זיווג קען ניט זיין קיין געראָטענע. און ווער עס ליידט פון דעם, איז די מוטער, די דערציערין, וועלכע קען ניט צוזען די ליידן פון איר קינד.

עס טרעפט אָבער גאנץ אָפט, אז די זעלבע מוטער, וועלכע לייגט אוועק א גוואלדיק גרויסע ארבעט אויף ארויסצושיילן די דאָזיקע אויבנדערמאָנטע מורא, פלאנצט איינם קינד איין ניט באמערקטערהייט א פיל גרעסערע און מער שאָדנבריינגענדיקע מורא ווי יענע ארויסגערופענע דורך א צופאל. זי זאָגט דעם קינד ניט מער און ניט ווייניקער, אז אויב ער וועט נאָך איין מאָל אַנטלויפן פאר א הונט אָדער א קאַץ, וועט ביינאכט קומען צו אים א שד און אים כאפּן אין זאק אריין. אָדער נאָך אזעלכע ענלעכע: א פיראט, א ציגיינער, אָדער גאָר א כישוף-מאכערין מיט ארויסגעזעצטע אויגן און אויסגעביינערטע הענט, וועלכע וועט אים כאפּן און אוועקטראָגן ערגעץ אין א מדבר. און עס דאכט זיך אזא מוטער, אז נאָר אזוי ארום וועט זי דערגרייכן דעם גע-וואונטשענעם רעזולטאט.

מוזן מיר דאָ זאָגן, אז ס'איז א זייער ביטערער טעות. אנשטאָט צו היילן איר אזוי אויך שוין נערוועאיש קינד, מאכט זי עס מיט די אלע דראסטישע באדראָאונגען א סך נערוועאישער... ניט נאָר דער, וואָס פארשטייט דאָס קינדערישע לעבן, נאָר אפילו א געוויינלעך פּראָסטער בשר ודם קען דאָס

זייער לייכט באמערקן, ווי א קינד ווערט טיילמאָל פּלוצלינג שניי־ווייס און ס׳שפּרינגט דערשראָקן אויף פון שטול, אויף וועלכן עס זיצט, ווייל עס האָט זיך דערהערט א קלונג אין טיר. מען קען זען, ווי דאָס דערשראָקענע קינד מיט די מוראדיקע ברייט־צעעפנטע אויגעלעך לויפט קודם־כל צו הארט צו דער מאַמען זיינער און פרעגט מיט א טרערנדיק־ציטערדיקע שטימע, צי עס האָט זיך אין משך פון גאנצן טאָג אויפגעפירט גוט און ווי געהעריק, און צי עס איז בכלל געווען א גוט קינד. דאָס מיינט צו זאָגן, אז דאָס דאָזיקע קינד וויל וויסן צי עס קומט ניט אמאָל דער אזוי־מוראדיק - טייוולאָניש אויסגעמאָלטער ״טייוול׳ נאָך אים, ווייל ער איז אפשר געווען ניט גענוג געהארכיק און גוט ווי עס האָט געפאָדערט זיין מאמע.

צי קען דען ווער פילן און פארשטיין ,וואָס עס לעבט איבער אזא קינד אין אזעלכע מינוטן? צי קען מען זיך פאָרשטעלן, וויפל סם דאָס דאָזיקע קינד שלינגט אין זיך אריין אין אזא מאָמענט? וויפל כח אזא קינד פארלירט און ווי דאָס בלוט ווערט ביי אים קאַליע?

ניין, מען קאָן דאָס לייכט ניט פארשטיין, ווייל מ׳קען דאָס מיט ווערטער ניט שילדערן. און דאָך קאָן מען טרעפן זייער א סך מוטערס, וועלכע באנוצן זיך מיט דעם דאָזיקן דראָאונגס־מעטאָד, ניט נאָר אין אויסנאַמס־פאלן, נאָר אפילו ביי יעדער קלענסטער געלעגנהייט: ביים עסן, ביים באָדן און אפילו אויפן שפּאציר.

״ אז דו וועסט ניט אויפעסן אינגאנצן — זאָגט ציגיש די מוטער — וועט דיך דער וועלו־פאפאָן ביינאכט כאפן״ דאָס זעלבע חזרט זי איבער אפילו ביים איינשלאָפן עס!

נו שטעלט זיך א פראגע: צו ווייס אזא מוטער כאָטש, ווי שרעקלעך זי פארפייניקט איר אייגן קינד? צו ווייס זי כאטש, וואסערן חותם זי לייגט ארויף אויף זיין גאנצן לעבן דורכן צעטרייסלען זיינע יונגע נאָך גאָר ווייניק באפעסטיקטע נערוון? צי ווייס אזא מוטער, ווי זי צעטרייסלט מיט איר

שרעק-מעטאָד דעם קינדס פסיכיק און אָפטמאָל אויך זיין הארץ, וואָס צאפּלט א סך מאָל אויף ביינאכט פון אזא שרעקלעכן חלום ווען עס האָט איבערגע־לעבט אזא סצענע, וועלכע זיין מאַמע האָט פאר אים געמאָלן? צי ווייס כאָטש אזא מוטער, אז זייער א סך נערוון-דערשיטערונגען ביי דערוואקסענע שטא־מען פון אָט-אזא צעפּייניקטער קינדהייט? צי גיט זיך כאָטש אזא מוטער אָפּ א ריכטיקן דין וחשבון וועגן די פאָלגן און שרעקלעכע זינד, וואָס זי באגייט לגבי איר אייגן קינד? צי ווייס זי, די מוטער, ווי שרעקלעך, שווער זי צע־ברעכט די צוקונפט פון איר קינד, וועמען זי האָט אזוי גרענעצלאָז ליב? צי ווייס זי, אז דאָס, וואָס זי רעדט זיך איין, אז ווען דאָס קינד וועט עלטער זוערן וועט עס אליין זען, אז דאָס איז געווען בלויז א בלאָף און ניט קיין אמת?

אמת טאקע, ווען דאָס קינד וועט עלטער ווערן, וועט עס פארשטיין דעם גאנצן טרוק און עס וועט מער ניט גלויבן אין די דאָזיקע אויסגעדראָשענע מעשיות וועגן שדים, עס וועט פארשווינדן די מורא פארן טייוול: עס וועט אָבער ניט פארשווינדן דער חותם, וואָס די שרעק פון זיין קינדהייט האָט גע־לייגט אויף זיין פסיכיק.

א סך, זייער א סך וואָלטן מיר נאָך געקענט וועגן דעם שרייבן, זייער א סך פראגעס וואָלט מען נאָך געקאָנט שטעלן אזא מוטער, וועלכע באנוצט זיך מיט אָט-אָ-דעם אויבנדערמאָנטן ניט פּאַסיקן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, ניט שׂכל־דיקן מעטאָד, אָבער אנשטאָט צו פארלירן צייט אויף דעם, וועלן מיר בעסער צוטרעטן צום עיקר, דאָס הייסט, מיר וועלן אָנווייזן, ווי אזוי צו באזייטיקן די מוראָ ביי קינדער, וועלכע זיינען געפּרווט געוואָרן פון גורל, און נאָכמער פון אלץ ווי אזוי ניט איינצופלאנצן אין קינדער אומזיסטיקע מורא.

1. — ווען א קינד איז איבערגעשראָקן פון עפּעס א פּאסירונג, פון א ניט־ניחהדיקער געשעעניש, טאָ שרייט ניט אויף אים, ווייל יעדער הויכער געשריי מאכט עס נאָך מער נערוועיש און פארגרעסערט זיין פּחד.

2. — אזא קינד וואָס איז שרעקעוודיק, דארף ניט שלאָפן אין א פינצטער

צימער, ווייל איבערוועקנדיק זיך קען עס פון מורא פשוט קראנק ווערן. אמת טאקע, אז עס איז בעסער דווקא צו שלאָפן אין דער פינצטער, אָבער ווען מיר האָבן צו טאָן מיט א שרעקעוודיק קינד, מוז מען מיט די ריכטיקע כללים איינ-גיין אויף קאָמפּראָמיסן. דאָס הייסט, מען דארף דאָס קינד לייגן שלאָפן אין א צימער מיט א גאָר שוואכער ליכט, בלויז נאָר א קליינע ליכט-שיין.

3. — מיט חכמה און איידלקייט, מיט פארשידענע ביישפּילן און דעמאָנס-טראציעס אים אויפווייזן די ניט-באַגרינדעטקייט פון מורא; די ניט באזירט-קייט אירע.

4. — ניט דערציילן אזא קינד קיין טרויעריקע קינדער-מעשהלעך; ניט לאָזן אים אָנוועזנד זיין ביי טרויעריקע גאסן-סצענעס אָדער מחלוקת, ווייל דאָס אלץ האָט אן איינפלוענץ אויפן קינדס נערוון-סיסטעם. און וואָס מער די נערוון זיינע זיינען אָנגעשטרענגט, שוואך און שטארק אָנגעצויגן, אלץ מער באהערשט אים דער פחד, די שרעקלעכע מורא פארן גאנצן ארום און אפילו פארן אייגענעם שאָטן, פארן געפליסטער פון זיינע אייגענע ליפּעלעך.

5. — ניט לאָזן אזא קינד איינעם אליין אין הויז, איבערהויפּט אין די אָוונט-שעהן, ווייל די מורא, די שרעק האָט א שטארק נעגאטיוון איינפלוס אויפן געזונטצושטאנד פונם קינד...

דאָס אלץ איז געזאָגט געוואָרן וועגן באזייטיקן די מורא ביי קינדער. און איצט וועגן ניט איינפלאנצן קיין מורא:

1. — אויב דאָס קינד וויל ניט עסן אָדער איז ניט געהאָרכזאם; אויב עס איז א שטיפער, א ליגנער אָדער נאָך ערגער פון אלץ, -- עס איז חוצפּהדיק, נוצט אויס אלע מיטלען אויף צו פארבעסערן זיין ארט אויפפיר: טוט אלץ, וואָס איר ווילט, אבי דערשרעקט עס ניט; דראָט ניט דעם קינד מיט געשפּענסטער, ווייל מיטן לעצטן דערהרגעט איר עס פשוט.

2. — באשטראָפט עס אויך ניט מיט אריינשטעלן אים אין א פינצטער

צימער, ס׳איז בכלל א צופיל ריזיקאַלישע זאַך צו פאַרשפאַרן א קינד אין א צימער, וואו עס געפינען זיך ניט קיין פענצטער.

3. — מען דאַרף אויסמיידן יעדע שטראָף, וואָס שמעקט מיט שרעק און מורא.

4. — מ׳דאַרף ווי ווייט מעגלעך אויסהיטן פון איבערלאָזן די קינדער אויפן חסד פון דער אומוויסנדיקער דינסט, וועמענס הויפט כלי-זין עס איז אויסשליסלעך דער שרעק-מעטאָד.

5. — מ׳דאַרף אויך מאַכן א פלאַמיקן אפעל צו די לערער, וועלכע באַנוצן זיך מיט שטראָף-מעטאָדן, ווי פאַרשפאַרן די שילער אין א פינצטערן חדר.

יאָ, ס׳איז א גאָר שווער שטיקל אַרבעט דאָס דערציען קינדער; מען דאַרף שטיין אויף דער וואַך גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת-לעת, בכדי צו דערגרייכן דעם געגאַרטן נחת, וועלכער איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון זיסן פאַרגעניגן, און א באַלוינונג פאַר אַלע שוועריקייטן. אַלע עלטערן האָבן בפירוש הנאה, ווען עס געלונגט זיי גוט צו דערציען זייערע קינדער, אָבער ביי אונדז יידן איז עס נאָך מער, ווייל דאָס מיינט: נצח ישראל...

איזידאָראָ סאלאָמאָן

זון פון רעדאקטאָר זשאקאָב און בערטא קוטנער

מיט היגיענע און מוט
באקעמפט מען אסך קראַנקייטן

היגיענע איז א צווייג פון דער וויסנשאפטלעכער מעדיצין, וואָס צילט אויסצו־בעסערן דעם געזונט-צושטאנד פון קינד. דער הויפט-צוועק פון יעדער מו־טער איז אויסצוהיטן איר קינד פון אלערליי קראנקהייטן, וואָס לויערן אויף אים, מיט דער הילף פון היגיענע. דורך האַלטן דאָס קינד אין היגיענישע באַ־דינגונגען באקעמפט מען פארשידענע, אפט מאָל געפערלעכע קראנקייטן.

היגיענע איז א פאנצער, וועלכער שלאָגט אָפּ אלע שעדלעכע באצילן, וועלכע מאַכן א פרואוו צוצוקריגן זיך צו דעם קינדערישן גוף.

נאָך אין די עלטסטע צייטן האָבן די פעלקער, וואָס זיינען געשטאנען אויף א הויכער שטופע פון ציוויליזאציע, אויסגעגעבן ריזיקע סומעס, כדי צו שאפן פארן פאָלק גוטע באדינגונגען פאר א היגיעניש ארט לעבן.

יעדער מענטש, איבערהויפט די פרוי, די באלעבאָסטע, די מוטער, דארף וויסן, אז פון אלע זייטן לויערן אויפן מענטש געפארן פון קראנקהייטן. אין דער לופט, אין עסן, אין וואסער, אויף יעדער זאך, וואָס געפינט זיך ארום אונדז און צו וואָס מען רירט זיך צו, זיינען פאראן סכנות, וואָס קאָנען אונדז ארייַנשלעפּן אין דער נעץ פון שווערע ליידן.

איז דאָס ערשטע און וויכטיקסטע געווער צו באקעמפן די דאָזיק סכנות, — ריינקייט.

די ציכטיקע און ריינע הויט פארהיט דאס קינד פון קראנקהייטן און זי העלפט-צו ביים קורירן פון קרענק, דאקעגן שמוץ, העלפט-צו מיט א בלי־ציקער שנעלקייט אנטוויקלען און כפלען די באצילן, וואָס פארשפרייטן און קינדס קערפערל די שעדלעכע קראנקהייטן.

ווי א תּפילה דאַרף מען אויסלערנען די קינדער די כּללים פון היגיענע, און זיי דאַרפן שטרענג באַשטראָפט ווערן פאַר ניט אויספירן זיי מיט אַלע פּינקטלעכקייטן. קיין שום תּירוץ דאַרף אויף דעם געביט ניט אָנערקענט ווערן. ס׳קינד דאַרף וויסן, אַז סיי אין שטוב צי אין שולע אָדער אויפן שפּאַציר. טאָר עס ניט עסן קיין שום זאַך, איידער עס וואַשט ניט די הענט. אויך דאָס מויל דאַרף מען שווענקען פאַרן און נאָכן עסן. ס׳דאַרף אויך זיין דער חוב פון די לערער און שול-אויפזעער, אויפמערקזאַם צו מאַכן די שילער, וועלכע נעמען גלייך עסן, באַלד ווי עס דערהערט זיך דער פויזע-סיגנאַל, ניט וואַשנדיק פריער די הענט. ווי שמוציק די הענט פון אַזאַ שילער זיינען, באַווייזט אָפּטמאָל דער פאַקט וואָס אויף די איבערגעבליבענע ברעקלעך ניט דערעסענע מאכלים זעען זיך אָן גאַנץ היפּשע טינט-פלעקן.

אין אַזאַ פאַל דאַרף די מוטער דערקלערן דעם קינד די סכּנה פון אַזאַ אַרט אויפפיר און זאָגן אים, אַז אויב די צייט דערלויבט ניט זיך צו וואַשן די הענט, איז פיל געוואונטשענער איינגאַנצן ניט צו עסן.

רעדן מיר שוין וועגן שולע און עסן, וועלן מיר, באַרירן א קינדער-קראַנקהייט, וועלכע קאָן אָנגערופן ווערן ׳קריזיסטעניע׳. די קראַנקהייט אַנטשטייט אויפן באָדן פון קריזיס, וואָס דער מענטש לעבט איבער. דאָס האָבן אַנטדעקט באַרימטע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן. דאָס איז אַזאַ מין נערוון-קראַנקהייט. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער קריזיס וואָס דער מענטש לעבט איבער, רופט אַרויס זייער גרויסע פּסיכישע צערודערונגען, וואָס ווירקן זייער שטאַרק אויף דעם נערוון-סיסטעם און אין רעזולטאַט רופט עס אַרויס א שווערע קראַנקהייט.

דער זעלבער פּראָצעס קומט פאָר ביי שול-קינדער. זיי הייבן אָן אַרומגיין אומעטיקע, פּעסימיסטיש-געשטימטע און זיינען באַהערשט פון א דערדריקנדיקער געמיט-שטימונג. זייערע אויגן זאָגן עדות, אַז עס איז באַהערשט פון עפּעס א שרעק פאַרן מאָרגן און ס׳מאַכט דעם איינדרוק, אַז עס פּילט

גלייך ווי ס׳איז אויך ניט זיכער מיטן היינט. די סיבה, די שולדיקע פאר אַט-אזא קינדער-קראנקהייט איז אָפטמאָל די מוטער גופא.

פאראן מוטערס, וועלכע האלטן אין איין אייגרעדן אין זייער קינד, אז עס קען גאָרניט און אז עס וועט ניט מאכן גוט די לעקציעס אין שול, ווייל עס לערנט ווייניק; אז עס וועט בלייבן אין דער זעלבער קלאס אויף נאָך א יאָר ווייל עס הערט זיך ניט צו מיט אויפמערקזאמקייט צו די אויפגאבן פון די לערער און אזוי ווייטער. דאָס און ענלעכע רייד רופט ביים קינד ארויס א גע-דריקטע שטימונג. עס פארלירט דעם צוטרוי צו זיך זעלבסט. און דער סוף איז, אז ווען די לערער פרעגן עפּעס אזא שילער, ענטפערט ער טאקע פונקט פארקערט און נעמט טאקע ארויס א שלעכטע נאָטע, וואָס דערשלאָגט אים נאָכמער און שטארקט שטופנווייז זיין נערוון-קראנקהייט, וואָס רופט ארויס קאָפּ-ווייטיק, פוילקייט צו אלץ, ווייטיקן אין פארשידענע טיילן פון קערפּער, וועלכע עס איז שווער צו שילדערן, און א סך מאָל איבלדיקייט ביים הארץ. מיט איין ווארט — א שווערע נערוון-קראנקהייט, וואָס קען ברענגען זייער שלעכ-טע פאָלגן. אמת טאקע, אז די מערהייט קינדער ווילן ניט לערנען צופיל; זיי האָבן ניט קיין שטאַרקן חשק זיך אנצושטרענגען, ווייל א קינד איז סוף כל סוף א קינד, און זיין קינדערישער מוח דיקטירט אים, אז ס׳איז בעסער צו לעבן לייכט. אין דעם פאל איז דער חוב פון דער מוטער, צו אינספּירירן אים צו לער-נען. זי דארף זיך אָנשטרענגען צו ווירקן אויפן קינד, כדי צו באקומען דעם געוואונטשענעם רעזולטאט. אָבער אין קיין שום פאל טאָר זי ביי אים ניט צונעמען דעם מוט, זי טאָר עס ניט זאָגן, אז ער וועט ניט קענען, אז ס׳איז אַשאָד וואָס ער ברענגט-אויס געלט און צייט, א. ד. גל.

פונקט פארקערט, — אפילו, ווען זי זעט פּאָזיטיוו, אז ער איז א פוילער, א שוואַכער שילער, דארף זי אים צוגעבן מוט און זאָגן, אז ער זאָל זיך נאָך א קליין ביסעלע אָנשטרענגען, און ער וועט פארנעמען דעם ערשטן פּלאַץ.

אזא ארט האנדלונג, אזעלכע גוטע און מוטיקע ווערטער פון דער מאַמען פירן אַריין דאָס קינד אין א געהויבענער שטימונג, ער באקומט א נייע און פעס-טע זיכערקייט אין זיך זעלבסט, און דאָס מאכט אים מער אויפנאמספעאיק, און איינציקווייז ווערט געבוירן אין זיין מוח דער ווילן צום לערנען און אָפטמאָל בייט זיך איבער אזא פוילער אין א פלייסיקן שילער. אָבער דער עיקר איז, אז ער ווערט ניט קראנק, ער ליידט ניט פון קיין "קריזיסטעניע", געדולד און אויס-דויער ברענגען זייער גוטע רעזולטאטן. אויך אין דער צייט פון די וואקאציעס, ד. ה. אין די זומער-חדשים, טאָר די מוטער זיך ניט אוועקרוקן פון איר פאראנט-וואָרטלעכער פאָזיציע. אָפטמאָל האָט זי אין די זומער-חדשים א פיל שווערערע אַרבעט, ווייל דאָס קינד, א באפרייטס פון די שול-פליכטן, וויל געניסן פון דער פרייהייט אין פולן זינען פון וואָרט, ניט רעכענענדיק זיך מיט די מיסברוי-כן פון זיינע כחות, דאן מוז די מוטער שטיין אויף דער וואך און ווידעראמאָל מיט אירע ווייכע און איידעלע רייד אים אויפקלערן, אז יעדער מענטש דארף אויסנוצן די זומער-חדשים כדי צו רעפארירן זיין געזונט, זיך צו שטארקן און אָנזאמלען פרישע כחות.

זי דארף אים אויפקלערן, אז די נאטור איז דער בעסטער און איינציקער קוואל פון געזונט. און אין זומער האָט דער מענטש אלע מעגלעכקייטן לייכט צו געניסן מיט פולע הענט פון דער נאטור און צוצוקומען צו אירע רייכע קוואלן פון הייל-מיטלען, בתנאי, ווען ער מאכט אלץ מיט אויסרעכענונג.

ווייל די זעלבע זונשטראלן, וואָס היילן און גיבן כוח, קענען שעדלעך זיין און ברענגען די ערגסטע רעזולטאטן, אויב מען טוט מיט זיי מיסברויכן...

אזוי, אז דער מוטערס מיסיע איז תמיד א היפש-פאראנטוואָרטלעכע, און אויב זי באווייזט זי ווי געהעריק אויסצופירן, היט זי אויס אירע קינדער פון א סך לייכ-טע און שווערע קראנקהייטן.

חיים מרים דבורה

זון און טעכטער פון חסי׳ און פייוול גרינער

א וויכטיק בלעטל פאר דער דערציונגס-מעטאָדע

דאָס געזונט פון קינד איז אָפּהענגיק פון עסן און לערנען.

דאָס ערשטע: פון דעם, וואָס עס עסט, ווי אזוי עס עסט און ווען עס עסט.

דאָס צווייטע: וואָס עס לערנט, ווי אזוי עס לערנט און ווען עס לערנט.

דער וויכטיקסטער פונדאמענט פון געזונט פון קינד איז, קודם כל, צו קענען אָנהאַלטן די גלייכגעוויכט, די פּראָפּאָרציע פון אלע גרופּן שפּייזן, ד. ה. ניט געבן דעם קינד צופיל פון איין פּראָדוקט, צוליב דעם, ווייל דאָס קינד האָט דאָס שטארק ליב, אָדער ווייל דער מוטער דאכט זיך, אז אָט-אָ דער פּראָדוקט האָט א סך וויטאמינען אָדער ווייסל-שטאָף.

אין דער גאַרונג פאר קינדער מוזן ארייננגיין אלע גרופּן שפּייזן. אמת טאקע, אז לויט א געוויסן סדר, א באשטימטער מאָס און א געהעריקן זמן.

צי ס׳איז ריכטיק און צייטיק איינגעשטעלט דער סדר פון די פּראָדוקטן, דאָס באווייזט דער גוטער שטאָף-וועקסל, וואָס קומט ביים קינד פאָר נאָרמאל. ווייל א קינד, וואָס ווערט שלעכט דערנערט, ד.ה. ווען מען גיט אים ניט ריכטיק און ניט אין דער געהעריקער צייט דאָס עסן, ווי צום ביישפּיל, פריער לאָזט מען דעם קינד עסן זיסווארג און שפּעטער גיט מען אים ערשט דאָס מיטיק, אָדער צוליב מאַנגל אין צייט באקומט דאָס קינד ס׳מיטיק צו שפּעט, אזוי אַז עס גייט-צו צום טיש שטאַרק הונגעריק און עסט דאָס מאָלצייט

איילִיק, כאַפּנדיק שנעל איין מאכל נאָכן אנדערן, און וועלנדיק שטילן זיין הונגער עסט עס איבער דער מאָס, אָט-אָ דאָס הייסט שלעכט דערנערט, פון וואָס עס ליידט קודם כל דער שטאָף-וועקסל, וועלכער קומט צו אָפּט, אָדער גאָר שטארק פאַר-שפּעטיקט.

א קינד מוז עסן אין דער פאַר אים אָנגעצייכנטער שעה, און עסן דאַרף עס לאנגזאם, ווייל אנדערש ווערט דער אָרגאניזם שלעכט דערנערט, און א שלעכט דערנערטער אָרגאניזם איז שטענדיק דערשעפּט און איז דער לייכטסטער קרבן פאַר מיקראָבן.

עס איז שווער צו באשטימען די צאָל און מאָס וויפל מען דארף געבן דעם קינד צו עסן, עס איז אָבער פאַראן איין וויכטיקער פּרינציפּ, אז מען זאָל אים ניט געבן יעדע רגע עפּעס אנדערש אין מויל. נאָר מען זאָל איינשטעלן דריי אָדער פיר מאָלצייטן אין טאָג, פּונקט ווי א פּאָעט קלייבט א ליד צו א ליד, א ניגון צו א ניגון, א פּאָעמע צו א פּאָעמע כדי אויפצושטעלן דעם גרויסן בנין פון דער מענ-טשלעכער נשמה, פון דער פּסיכיק, אזוי דארף די מוטער צונויפקלייבן יעדע גו-טע עצה אויפן געביט פון דערציאונג, בכדי צו קענען ריכטיק אויסקריסטאלי-זירן, אויסגעשטאלטיקן, אויספּאָלירן דאָס וואונדערבארע ווערק, וואָס הייסט „דערציאונגס-מעטאָדע".

און דאָך טרעפט, ווי מען הערט, אז אָט-אָ אזא מוסטערהאפטע מוטער, וואָס היט אָפּ די דערציאונג פון איר קינד לויט אלע כללים פון דער ריכטיקער דער-ציאונגס-מעטאָדע, קלאָגט זיך, אז אחוץ דעם אויבן אויסגערעכנטן און אויך אחוץ דעם, וואָס ער האָט ניט קיין שוועריקייט ביים מאַכן די שול-אויפגאבעס, ווייל ער מאכט זיי ניט אליין, נאָר מיט דער הילף פון פּריוואטע לערער, וועלכע זי האָט פאַר אים באזאָרגט, איז דאָס קינד אירס שטענדיק מיד, תמיד נערוועאיש, ניט גוט געשטימט, עפּעס ווי צעטראָגן, און אז בכלל איז זיין גאנצער אויסזען א קרענק-לעכער, און זי, צום באדויערן, ווייסט ניט, אז זי גופא, מיטן וועלן אים צופיל פארלייכטערן, האָט אים צוגעפירט צו דער דאָזיקער סיטואציע.

ס׳איז ניט געפערלעך און אפילו ניט שווער, ווען א קינד קומט פון שול און נאָכן נעמען א באָד, אָפּעסן א גוטן אָנבייסן און נאָכן אָפּרוען זיך אביסל, זעצט עס זיך אוועק ביים שרייב-טיש מאכן זיינע לעקציעס.

דאָס איינציקע, מיט וואָס מען דאַרף אים מיטהעלפן אינם פּראָצעס פון לייזן לייכט זיינע שול-פּראָבלעמען, איז: אָפּהיטן אין שטוב אן אבסאָלוטע רואיקייט אויך דאַרף מען פון צייט צו צייט אים הייסן אויפשטעלן זיך, בכדי אויסגלייכן זיין קערפּער און אריינאָטעמען פרישע לופט דורך דער נאָז און ארויסאָטעמען דורכן מויל, דאָס דאַרף געטאָן ווערן ביים אָפענעם פענצטער, אָדער אויפן באלקאָן...

פיל שווערער לייגט זיך אויפן קינד, ווען עס קומט פון שולע, וואו עס האָבן אים געלערנט א היבשע צאָל לערער, און יעדער מיט זיין באזונדערער מעטאָדע, מיט זיין סיסטעם, מיט זיינע אייגנשאפטן און קאפּריזן, און עס מוז נעמען שנעל זיך וואשן, עסן איילִיק, ווייל באלד דאַרף אָנקומען זיין פּריוואטער לערער פון רע-כענען, שפּעטער פון ענגליש, פון פראנצויזיש, לאטיין אָדער גאָר היסטאָריע און געאָגראפיע. אזוי, אז דער עול פון דעם אלעס מאכט אים נערוועאיש, פון קומען אין קאָנטאקט מיט אזוי פיל לערער, פון הערן אזוי פיל אויסשפּראכן, פון זיצן אזוי פיל שעה׳ען מיט א שטייפן, דיסציפּלינירטן רעספּעקט, ווערט זיין גאנצער נערוון-סיסטעם אָפּגעשוואכט, און דער רעזולטאט פון דעם איז: זיין קרענקלעכער אויסזען, ווייל דאָס קינד קען בשום אופן ניט אויסהערן אזויפיל לע-רער. דער קינדערישער מוח ווערט צופיל באלאסטעט.

און נאָך עפּעס: אזא קינד, וואָס האָט אין שטוב פּריוואטע לערער, וועט סוף כל סוף ניט זיין אינטעליגענט. עס וועט א סך ניט פּראָגרעסירן אויפן געביט פון קאָנען און וויסן; ווייל זיצנדיק אין שולע, לייגט עס ווייניק אכט אויף די לעק-ציעס, טראכטנדיק ביי זיך אז זיין פּריוואטער לערער וועט אים דאָס שוין בע-סער דערקלערן, און דער עיקר: ער וועט אים מיטהעלפן ביים מאכן די לעקציעס;

מלכה אפעלבוים

אזוי ארום איז עס ווייניק אויפנאמספעאיק, פון וואָס עס באקומט א פארוואורף סיי פון די לערער, סיי פון די עלטערן, וואָס מאכט אים דערשלאָגן און פארקרענקט, אפאטיש צו אלץ און צו אלעמען.

עס באקומט א ווידערווילן צום לערנען. און סוף כל סוף רייסט עס איבער זיין שטודיום, ווייל זיין מוח, וועלכער איז ניט צוגעוואוינט געווען קיינמאָל אליין צו טראכטן איבער זיינע שול-אויפגאבעס, קען בשום אופן ניט אויפנעמען די באמת שווערע פראָבלעמען פון בילדונג.

היינט-צו-טאָג ווייסט אפילו די אָרעמסטע און אומוויסנדיקסטע מוטער, אז מען דארף א קינד לערנען; זי ווייסט אָבער ניט, אז מיט לערע איז אנדערש ווי מיט מעבל אָדער קליידונג, וואָס איינער וויל איבערשטייגן דעם צווייטן. טאָמער זעט א מוטער, אז איר שכנ׳ס קינד פראָגרעסירט אין שול בעסער ווי איר קינד, ווערט זי אויסער זיך און נוצט אויס אלע מיטלען, צו געבן דעם קינד נאָך א לעקציע און נאָך א פריוואטן לערער, אבי אויך ארויפצוקריגן זיך אויפן ערשטן פלאץ אין קלאס. אָט אָ דאָ ליגט די סיבה פון די אזוי פיל פארקרענקטע קינדער.

זייער ריכטיק האָט בערנארד שאו געזאָגט וועגן דעם פריוואטן לעבן פון די היינטיקע מענטשן. אין דריי קורצע זאצן האָט ער אויסגעדריקט דעם גאנצן מהות פון היינטיקן לעבן. ער האָט געזאָגט:

מען נעמט געלט, וואָס מען האָט ניט, אויף צו קויפן זאכן, וואָס מען דארף ניט בכדי צו געפעלן מענטשן, וועלכע מען פארטראָגט ניט.

און אָט-אָ דאָס זעלבע שפילט זיך אָפּ אויפן געביט פון בילדונג.

די עלטערן ווילן זיך ניט רעכענען מיט דעם, צו זייער קינד האָט פעאיקייטן צי נישט; זיי פרווון אויך ניט אויסגעפינען, צו וואָס זייער קינד האָט א נייגונג. טאָמער האָט זייער באקאנטערס זון אָדער טאָכטער באקומען א דיפלאָם פון מעדי-צין אָדער אינזשעניער, דארף זייער קינד אויך זיין דער זעלבער קנאקער. און

דאָס בלייבט א הייליקער באשלוס, מעג עס אפילו זיין אויפן חשבון פון זייער קינדס געזונטצושטאנד.

און נאָך עפּעס; אויב ס׳קומט אמאָל אויס, אז דאָס קינד מוז רעפּעטירן, ד. ה. אז ס׳מוז בלייבן אין דער זעלבער קלאס אויף נאָך א יאָר, איז חושך אין הויז. מען קלאָגט גאָר ניט אזוי אויף דעם, וואָס ס׳קינד וועט זיך דארפן פּלאגן נאָך מער א יאָר, נאָר פּראָסט פּשוט, — מען שעמט זיך פאר שכנים און באקאנטע, און אָט-אזא שטימונג אין שטוב דערשלאָגט שטארק דאָס קינד און ברעכט אונטער זיין געזונט. עס פּאראליזירט די ענערגיע און אויך יעדע אונטערנעמונגס קראפט, און שטופּנווייז שטייגט זיין צעררודערונג. עס שטייגט די צעשפּליטערונג פון זיין נערוון-סיסטעם...

ס׳איז זייער ראטזאם, אז יעדע מוטער זאָל זיך האלטן ביי שלום עליכמ׳ס מיינונג, אז ״פון א גוטן קאָפּ, ביז א שלעכטן קאָפּ, איז אן אונטערשייד בלויז אין א גראָשנדיק ליכטל״. ד. ה. אז אויב א קינד לערנט זיך ניט אזוי גוט, דאן פארנוצט עס נאָך א ליכטל. דאָס מיינט צו זאָגן. אז דער ניט-פעאיקער פארענדיקט אביסל שפּעטער זיין שטודיום.

אלנפאלס איז זייער לעכערלעך דאָס וועלן איינער דעם צווייטן איבערשטייגן אויפן געביט פון בילדונג. די הויפּט אויפגאבע פון דער מוטער דארף זיין קודם כל פיזיש דאָס קינד צו קרעפּטיקן, און ממילא וועט מקוים ווערן דער זאָג, אז אין א געזונטן קערפּער איז דאָ א געזונטער גייסט. די הויפּט זאך איז באלד פון לכתחילה אָן צוגעוואוינען דאָס קינד אליין צו מאכן זיינע לעקציעס אזוי ארום אנטוויקלט זיך זייער גוט דער קינדערישער מוח.

מען דארף זיך אויך ניט ערגערן, ווען דאָס קינד פארזוימט אביסל מער בעת מאכן די לעקציעס.

מלכה אפעלבוים

נאָר אזוי וועט דאָס קינד זיך אויסלערנען לייזן און קאַלקולירן פּראָבלעמען סיי פון לערע, וויסן, און שפּעטער פון קולטור, און סיי די שווער פּארפּלאָנטער־טע פּראָבלעמען פון לעבן גופא, ווייל דאָס לעבן איז דער שווערסטער פּראָבלעם...

און די וויכטיקסטע און פאראנטוואָרטלעכסטע אויפגאבע אין דעם זין האָט די מוטער...

שיינדל פערל

טאָכטער פון חנה און לייבטשע פעלזענשוואַלב

א מאָדערנע אַלערגיע

די קראַנקהייט „אַלערגיע" איז ניט קיין נייע. זעלטן צו טרעפן אַ מענטשן, וואָס זאָל וועגן איר ניט האָבן געהערט. וועגן דער דאָזיקער מחלה איז געווען גע־דרוקט אַ באַלערנדיק־ברייטערע אָפּהאַנדלונג פון ד"ר. מאַרקאָס ה. ריקלעס, וועלכער האָט אויפגעקלערט און אָנגעוויזן, ווי אַזוי אויסצוגעפינען די סובסטאַנץ, וואָס איז מסוגל צו פּראָוואָצירן אינעם אָרגאַניזם אָט־אָ די צעטרייסלונג, די נעגאַטיווע אַקטי־וויטעט און ווי אַזוי עס דאַרף זיין די באַהאַנדלונג.

אָבער דאָס אַלץ איז נוגע די אַלגעמיינע אַלערגיע, יענע אַלערגיע, וואָס איז דעפינירט געוואָרן אין יאָר 1907 דורכן עסטרייכער פּאָן פּירקעט ווי אַ צעטרייסל־טע באַנייאיקטע אַקטיוויטעט און דאָס לעצטע קען אַרויסגערופן ווערן פון פאַר־שידענע פאַקטאָרן, ווי צום ביישפּיל פון עפּעס אַן עסן, אַ געטראַנק, אַ מעדיקאַ־מענט, פון אַ שאַרפן בלומען־פּערפום־געשמאַק, פון שטויב און פון נאָך פיל אַנ־דערע סיבות און אַפילו אויך פון געוויסע מלבושים, אויב די סחורה איז אַ דיקע, אַ וואָלענע, אַ האָריקע.

אָבער אַז שטאָפן פון מלבושים זאָלן זיין מסוגל צו מאַכן פילבאַר דעם אָרגאַ־ניזם און גורם צו זיין ביי אים די אויבנדערמאָנטע קרענק, פון דעם ווייסן ווייניק מענטשן, און זיי וואָלטן דאָס יאָ געדאַרפט וויסן, איבערהויפּט די יונגע מוטערס,

ווייל וואָלטן זיי דאָס געוואוסט, וואָלטן זיי זייער א סך ליידן אויסגעמיטן פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער. עס איז אבסאָלוט ווינטשנסווערט, אז די מוטער זאָל וויסן, אז די קינדער-קליידונג איז א גאָר וויכטיקער פּראָבלעם ווייל ס׳האַנדלט זיך ניט בלויז אין געלט אָדער געשמאַק, נאָר אין דעם נערוועז-פּסיכישן פאַקטאָר, וועלכער האָט אויך עפּעס צו זאָגן אין דעם...

לאָמיר, למשל, נעמען דעם פאַל פון א היינטיקער מאָדערנער-מוטער וועלכע ווייל דוקא, אז איר קינד זאָל אויפן שפּאַציר-פּלאַץ אויסזען דאָס שענסטע, זיין ווי אַן אמתע ליאַלקע; פּוצט זי עס אויס אין אָנגעצויגענע קליידער און ווייסט ניט, וויפל כוח דאָס קינד אירס פאַרלירט צוליב אָט די קאָסטבאַרע, אָבער ניט באַקוועמע מלבושים, וועלכע פאַרשאַפן א סך פאַרגעניגן די דערוואַקסענע, איבערהויפּט דער מוטער, אָבער ניט דעם נוגע בדבר, — דעם קינד...

נו, דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, קינדערשע בגדים טאָרן בשום אופן ניט זיין צו נעט און צו ענג-אָנגעצויגן; ווייל א קינד מוז קענען פריי באַוועגן זיינע מוסקולען ווייל אויף צו קענען גוט און ריכטיק זיך אַנטוויקלען, אויף צו האָבן א גוטע בלוט-צירקולאַציע און פילן פריי אַלע זיינע גלידער, מוז דאָס קינד האָבן א לייכטע און באַקוועמע הלבשה.

ס׳איז לייכט צו באַמערקן, ווי א קינד ווערט טיילמאָל פּלוצים בלייך, און הייבט אָן ציטערן בעתן שפּילן זיך. דאָס איז דערפאַר, וואָס זיין אַזוי שיינער בגד האָט זיך ביי אים צעריסן, אָדער פאַרפלעקט; ער געדענקט דאָך זייער גוט, ווי בעתן אָנטאָן אים האָט אים זיין מאַמע אָנגעזאָגט, אז ער זאָל זיין זייער פאָרזיכטיק, ווייל דאָס זיינען זייער טייערע קליידער. און די מורא פאַר דער מאַמען מאַכט אים פּשוט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן, מאַכט בלוי זיינע ליפּעלעך און קריידוויים זיין פּנים.

און די ענדערונג איז ניט בלויז אינם קאָליר פון זיין פּנים, נאָר אויך אין זיין גאַנצן אָרגאַניזם קומט פאַר א רעאַקציע וואָס איז א סך מאָל גורם א קראַנקהייט,

א שווערע און קאָמפּליצירטע שלאַפקייט, אַזאַ מין נערוועזיטעט, וואָס צעטרייסלט אומזעבאַר זיין גאַנצן קערפּער, פון וואָס ס׳קען זיך אויסוויקלען שפּעטער א גאַנצע ריי קראַנקהייטן, ווי: קאָפּ-ווייטיק, מעלאַנכאָליע, היסטעריע און אפילו אויך א שלעכטער שטאָף-ווּעקסל, א קראַנקער מאָגן, וועלכער קען צוליב דער גרויסער נערוועזיטעט ניט גוט אויספירן זיין פונקציע, און דער רעזולטאַט איז א סך מאָל אַן אויסשיט אויפן גאַנצן קערפּער, — אַן אורטיקאַריע, וועלכע פירט אַרייַן ניט נאָר די אַרומיקע, נאָר אויך א סך מאָל אויך דעם דאָקטאָר אין א טעות, מיי-נענדיק, אַז מ׳האָט צו טאָן מיט עפּעס אַן עסן, וואָס האָט דאָס גורם געווען און עס פאַלט ניט איין אַז אין דער אמתן האָבן דאָס אים פאַרשאַפט די רייכע, צו-שיינע און ענג-אָנגעצויגענע מלבושים וועלכע האָבן אים געהאַלטן אָנגעשטרענגט און צוגענומען זיין גאַנצן געניוס, און דער שפּאַציר איז פאַר אים געבליבן א ניט באַ-פרידיקטער, אים איבערגעלאָזט אַן אָנגעשטרענגטן און נערוועאישן.

און עסנדיק זיין מאָלצייט אין אַזאַ צושטאַנד, גיט אים אויך ניט קיין פּאָזי-טיוון רעזולטאַט. און ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס דאָס פאַרשאַפט אים, ווייל ווידעראַמאָל קומט אין באַטראַכט דער נערוועז-פּסיכישער פאַקטאָר, וועלכער קען אפילו אויך גורם זיין אַסמאַטישע אָנפאַלן. דאָס אַלץ געהערט צו דער ״מאָ-דערנער אַלערגיע״, וועלכע ווערט אַרויסגערופן דורך נערוועזיטעט, דורך מורא און ניט פאָלקאָמער באַפרידיקונג.

דעריבער איז ראַטזאַם, אַז די מוטער זאָל פאַרן וואויל פון איר קינד, מאַכן פאַר אים באַקוועמע און ניט צופיל לוקסוסדיקע מלבושים; זאָל ביי איר דעם קינדס געזונט-צושטאַנד שטיין העכער ווי דער פאַרלאַנג נאָכצוקומען די מאָדע, אָדער די אַמביציע צו געפעלן מיט איר גוטן געשמאַק לגבי אירע חברטעס און שכנים. זאָל זי וויסן, אַז אַמפּאַסיקסטן און אַמבעסטן פאַרן קינדס הלבשה איז א סחורה, וואָס וואַשט זיך לייכט, גוט און איז באַשיידן.

באַשיידנהייט איז די קרוין פון אַלע טוגנטן, און נאָך באַשיידענער דאַרף מען

זיין, ווען ס׳האנדלט זיך וועגן קינדער פון 13 ביז 16 יאָר, איבערהויפּט ביי מיידלעך. מ׳דאַרף דאָס יונגע מיידל ניט אָנטאָן אין צופיל קאָליריקע, צו־רוישיקע קליידער, ווייל דאָס רופט ארויס א בייגעשמאַק, און איז א סימן פון פּראָסטקייט, געשמאַקלאָזיקייט און קען אויך גורם זיין די „מאָדערנע אלערגיע", ווייל זעענדיק זיך אין שפּיגל אין אזא ים פון פארבן, האָט דאָס יונגע מיידל דעם איינדרוק, אז זי איז שוין א פולקאָם־רייפער מענטש, א הונדערט פּראָצענטיקע פרוי, און אלס אזעלכע, הויבט זי אָן געהיים נאָכקלערן וועגן די כללים פון דעם אינטימען פאמיליען־לעבן, און דאָס נעמט ביי איר צו די עטלעכע יאָר פון איר קינדישן לעבן, זאָרגלאָזיגקייט און פרייד.

די רוישיקע קליידער, די צו־פרי געשמירטע ליפּן, דער רוזש אויף די באַקן, די מאָדערנע פריזור און די הויכע שיך־קלעצלעך גיבן איר צו רעכט אויף צו באטראַכטן זיך אלס א דערוואַקסענע. דאָס רופט אָבער ארויס פרייד בלויז ביי דער מוטער, אומבאַוואוסטזיניקערהייט, וועמענס פארלאַנג איז אויפצושטעלן איר קינד ממש ביי די אויערן, און זי באמערקט זאָגאר ניט ווי איר טאָכטער, אנשטאָט צו בליען הויבט אָן צו וועלקן, ווייל ביי מיידלעך אין דער עלטער ארבעט דער נערוועז־פּסיכישער פאַקטאָר נאָך גיכער און שטאַרקער ווי ביי קליינע קינדער.

די באוואוסטזיניקע מוטער טוט אזעלכעס ניט. זאָל אזא מוטער, וועלכע האָט איבערגעוואלד געוואָלט מאַכן איר טאָכטער פאַר א „פריילין", און זי באמערקטי דערנאָך, אז זי איז עפּעס מעלאַנכאָליש, טרויעריק, ניט מיט אלעמען — ניט רעדן א סך און זיך ניט באַקלאָגן: זאָל זי בעסער שווייגן... ווייל נאָר זי גופא האָט בייגעשטייערט צו אָט־דעם צושטאַנד. מיטן מאַכן זי צו־פרי פאַר א דערוואַקסענע, די פארשטענדלעכע מוטער דאַרף אָנטאָן איר יונגע טאָכטער געשמאַק, אָבער באשיידן, און זי וועט ניט ליידן פון דער „מאָדערנער אלערגיע", נאָר זי וועט ארויסשטראַלן פון דער באשיידנקייט מיט איר יוגנטלעכן חן, מיט אירע גלאַנציק־פריילעכע אויגן, וועלכע זיינען דער שפּיגל פון אינערלעכן צושטאַנד.

ווילסאָן

זון פון דרא. פערלא און דר. זשיימע שקאָלניק

דאס לערן־פּראָגראַם

כאָטש אויפֿן ערשטן אויגנבליק דאכט זיך, אז אלע מאַמעס דערציען זייערע קינדער אויף איין און דעם זעלבן אופן; איז עס אָבער ווייט ניט אזוי, ווען אפילו ביים צונויפטרעפן זיך אויפֿן שפּאציר און ביים דערציילן איינע דער אנדערע די פּרטים ווי אזוי זיי באהאנדלען זייערע קינדער, זעט עס אויס, ווי אַלע וואָלטן זיי באמת געלערנט לויט איין און דער זעלבער מעטאָדע. און דאָך איז פֿאראן א זייער גרויסער אונטערשייד פון איין דערציונגס-מעטאָד צום צווייטן, דער-פאר זיינען טאקע די קינדער פארשידנארטיק, און אזוי געשטאלטיקט זיך אויס פון די היינטיקע קינדער מאָרגנדיקע דערוואקסענע מענטשן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אי גוטע, אינטעליגענטע און באשיידענע, אי שלעכטע, פֿארדאָרבענע און דעגענערירטע עלעמענטן.

די מוטער מוז וויסן, אז דער אויסדרוק נאָרמאל-געשפּייזטע קינדער מיינט ניט בלויז די פיזישע דערנערונג, נאָר אויך די נשמהדיקע. אמת טאַקע, אז אויפן ערשטן פלאץ קומט די פיזישע שפּייז, ווייל איז דען מעגלעך, אז אין א שלעכט-דערנערטן קערפּער זאָל זיין לוסט און פרייד צו לערנען? ווי אזוי זאָל א קינד וואָס ווערט שלעכט אָדער פאלש דערנערט, בכלל קאָנען האָבן א גוטן קאָפּ צום לערנען? דאָ, וואו די דערנערונג איז ניט קיין ריכטיקע, אנטזאָגט זיך דער מוח ווי אויך אלע אנדערע קערפּער-טיילן גוט און ריכטיק צו פונקציאָנירן. דער

זכרון ווערט אָפּגעשוואַכט, פאַרטעמפּט. דאָס קינד קאָן האָבן דעם בעסטן ווילן צום לערנען, אָבער עס קאָן אין קיין פאַל ניט פאַרנעמען און אויפנעמען, ווייל זיין אָרגאַניזם איז שלאַבעריק און אָפּגעשוואַכט.

דעמזעלבן צושטאַנד דערפירט אויך א ניט-ריכטיקע גייסטיקע דערנערונג, אַזא ווי צום ביישפיל: גרינגשעצונג פון איינעם צום צווייטן אין הויז, קריגערייען, ניט-פּאַסיקע אויסדרוקן, גראָבע וויצן און ניט-גוטע באַנעמונג.

און מעג דאָס קינד ווי שטאַרק אָנשטאָפּן זיין מוח מיט תורה, חכמה און וויסן, האָט עס קיין ווערט ניט, ווייל די ניט-זעבאַרע טראָפּנס סם, וועלכע דאָס קינד האָט איינגעזאַפּט אין זיך אין דער פאָרם פון שלעכטע ביישפּילן, צעשטערט אַלץ, און עס מאַכט א תל פון זיין אינטעליגענץ.

עס זיינען פאַראַן מיינונגען פון גרויסע געלערנטע, אַז די אינטעליגענץ פון מענטשן איז אין א גרויסע מאָס אָפּהענגיק פון דער אָפּשטאַמונג, ד.ה. אַז קינדער פון אינטעליגענטע עלטערן זיינען אינטעליגענט, און פאַרקערט. און הגם זיי גיבן-צו, אַז עס זיינען פאַראַן אויסנאַמען, מיינען זיי אָבער, אַ דאָס זיינען טאַקע נאָר אויסנאַמען.

אַנדערע געלערנטע מיינען, אַז קינדער וואָס ווערן געבוירן פון גאָר יונגע עלטערן, איבערהויפּט אין די פאַלן ווען דער פאָטער איז גאָר יונג, זיינען ניט קיין אינטעליגענטע. דאַקעגן אָבער ווען דער פאָטער איז שוין אביסל אַן עלטערער, ווען דאָס קינד ווערט באַשאַפן, וואַקסט עס אויס זייער אינטעליגענט און קלוג.

א גרויסער געלערנטער פון ענגלאַנד וויל אונדז באַווייזן, אַז מענטשן מיט פלאַכע ברוסטן זיינען אינטעליגענטער פון אַנדערע, איך מיין, אַז פון אַלע קינדער קען מען מאַכן גוטע און אינטעליגענטע מענטשן, אויב מען גיט זיי די געהעריקע דערציונג, א גוטע בילדונג און ווען זיי לעבן זיך אויס אין א וואַרעמער און אידעלער סביבה.

פון הארץ צו הארץ

און דאָס אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער מוטער, ווייל נאָר זי אַליין איז ביכולת צו דערציען דאָס קינד.

זי, די מוטער, מוז באַלד פון ערשטן טאָג פון איר קינדס געבוירן ווערן, נע־מען אויף זיך דעם עול פון דערציונג לויט אַלע אָנגענומענע ציוויליזירטע און געזעלשאַפטלעכע כללים. זי מוז זיך אויסהיטן פון דער מיינונג, אַז קינדער־דער־ציונג איז אַ לאָטעריע־שפּיל, אַז ניט שטענדיק העלפט דאָס לערנען; ווייל זי אַז איר קינד זאָל האָבן אַ גוטע דערציונג, אַ קאָרעקטן באַנעם און שיינע מאַנירן, מוז זי אַליין קודם כל זיין אַ גוט־דערצויגענע און ווייזן מיט ביישפּילן ווי אַזוי מ׳דאַרף זיין.

מיט בילדונג איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. איר קינד קען זיין פיל מער גע־בילדעט פון איר, אָבער פונדעסטוועגן, קען זי זיין די אויפזעערין איבער זיינע לימודים. זי דאַרף אים ניט אַרויסהעלפן אין זיינע שול־אויפגאַבעס. זי דאַרף נאָר האַלטן דעם קאָנטראָל אויף אים: זי דאַרף אויך שטיין אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער שול, אין וועלכער ער לערנט און ניט נאָר וועלן וויסן, ווי אַזוי ער לערנט זיך נאָר אויך ווי אַזוי ער פירט זיך אויף אין דער שול בכלל און בעת דער פּויזע בפרט.

ס׳איז אָבער ניט געוואונטשן צו באַשטראָפן דאָס קינד אין קעגנוואַרט פון די לערער און שילער, אויב מען נעמט אָפּ אַ ניט־גוטן גרוס וועגן זיין אויפפירונג. אין אַזאַ פאַל, דאַרף מען האָבן געדולד און רעדן מיטן קינד וועגן דעם ביי זיך אין דער היים און ניט אין שול, ווייל ווען ניט, קען עס ברענגען אַ פאַרקערטן רעזולטאַט. די הויפּט־אויפגאַבע אין אַזאַ פאַל איז צו געפינען די פּאַסיקע ווערטער, וועלכע זאָלן קענען אַריינדרינגען אין דעם קינדערשן האַרץ, באַווירקן זיין גייסט און געמיט און מאַכן אים פילן זיין מוטערס ליידן צוליב זיין ניט־גוטער אויפפירונג. דער עיקר איז צו געפינען אַ וועג צו זיין האַרץ, אין וועלכן ס׳פליסט זיינע על־טערנס בלוט.

מלכה אפעלבוים

דערפאר זאָגט מען טאקע, אז די גוטע דערציונג ליגט אין בלוט.

דער פונדאמענט אויף וועלכן עס בויט זיך א גוטע און געזונטע דערציונג, באשטייט פון הונדערטער און טויזנטער זאכן, וועלכע מיר וועלן אָנרופן ציגל. און ווען אין פונדאמענט פעלט איין ציגל, איז דער גאנצער געבוי וואקלדיק און ווערט ניט זיכער, ד.ה. טאָמער באמערקט איר אין אייער גוט-דערצויגן קינד איין שלעכטע נייגונג, זאָלט איר זי ניט גרינגשעצן און איינרעדן זיך, אז א מענטש איז דאָך נאָר פאָרט אַ מענטש און ניט קיין מלאך. פארקערט די איינע שלעכטע נייגונג קען חלילה קאליע מאכן זייער גאנצן בנין, וועלכן איר האָט מיט אזויפיל שווערער ארבעט אויפגעבויט.

פאָדערט פון אייער קינד אויפן געביט פון דערציונג דעם מאקסימום, נאָר ניט מיט כוח, נאָר מיט אויפקלערונגען. ניט מיט רעש, נאָר סאָליד און באזאכט; שפּייזט אייער קינד אי פיזיש אי גייסטיק נאָרמאַל און צייטלעך, און עס וועט ריכטיק און לייכט אויפנעמען די לימודים, ווייל די לימודים זיינען צוגעגרייט פאר געזונטע און נאָרמאל-געשפייזטע קינדער, ניט זייענדיק אָפּהענגיק פון קיין ירושהדיקייט, ד. ה. אז יעדער קינד, סיי פון אינטעליגענטע אָדער ניטאינטעליגענטע עלטערן, האָט די געלעגנהייט אויסצוואקסן אן אינטעליגענטער און געלערנטער מענטש, אויב ער באקומט די געהעריקע דערציונג און במילא שטעלט זיך שוין איין א קאָנטאקט פון האַרץ צו האַרץ, וואָס האָט א גרויסן באדייט.



אסתר

טאָכטער פון הרב משה און נחמה זינגערעוויטש

די הינ׳יענע פון בוך

א בוך אין די אמאָליקע צייטן איז געווען איינס פון די טייערסטע זאכן און ניט יעדער האָט געקענט זיך פארגינען עס צו קויפן. די סיבה דערפון איז געווען וואָס אין יענער צייט האָט מען נאָך ניט געוואוסט פון דער פּאַפּיר אויסאַר־בעטונג און אויך ניט פון דרוק, איז דערפאר די פרייז פון בוך געווען זייער א הויכער. אָבער ווען גוטענבערג האָט אין יאָר 1435,דערפונדען דעם דרוק-שריפט, האָבן ביכער אָנגעהויבן ביליקער ווערן. און נאָך שפּעטער, ווען מען האָט אָנ־געהויבן אויסארבעטן ביליק פּאפּיר, מיט וועלכן מען האָט זיך גענומען באנוצן, אויפן אָרט פון פּערגאמין, זיינען ביכער געוואָרן צוגענגלעך פאר יעדן.

שווער איז זיך איצט פאָרצושטעלן, ווי אזוי מ׳וואָלט געקענט אויסקומען, אָדער בעסער געזאָגט, ווי אזוי מ׳וואָלט געקענט לעבן אָן ביכער.

האָט אָבער יעדער מטבע צוויי זייטן.

פאר אונדז זיינען די ביכער זייער גוט. מיר לערנען פון זיי, זיי פארשאפן אונדז גייסטיקן פארגעניגן, זיי שפרייטן נשמה-ליכט, אָבער פאר די אויגן און־דזערע זיינען זיי דער היפוך, דער קאָנטראסט פון דעם: זיי האָבן פאראורזאכט קורצזיכטיקייט, איבערהויפּט פראָגרעסירט די קראַנקהייט אין שול-עלטער: אזוי האָבן דאָקטוירים פעסטגעשטעלט.

די סטאַטיסטיק, געמאַכט דורך דר. קאָהן, באַווייזט, אַז ביי קינדער פון די ערשטע שול-יאָרן דערגרייכט די קורצזיכטיקייט צו דער ציפער פון 6 ביז 7 פּראָצענט, אין די העכערע שול-יאָרן — פון 8 ביז 19 פּראָצענט, אין גימנאַזיום פון 26,2 ביז 55,8 פּראָצענט... בכלל איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז צווישן פויערים זיינען פאַראַן בלויז 2 פּראָצענט קורצזיכטיקע, צווישן אַרבעטער: 9 פּראָצענט, צווישן שרייבער: 44 פּראָצענט און ביי סטודענטן — 55 ביז 66 פּראָצענט. קורצזיכטיקייט באַווייזט זיך אַממיינסטן אין עלטער פון 6 ביז 17 יאָר.

די סיבה דערפון איז דאָס בוך. ס'איז פאַראַן נאָך אַ סיבה: ירושהדיקייט. אויב די עלטערן זיינען קורצזיכטיקע, קענען די קינדער אויך זיין אַזעלכע. ס'איז אין דעם פאַל אַ ירושה-זאַך. אָבער אין די פאַלן, ווען מיר האָבן ניט צו טאָן מיט קיין ירושהדיקייט, זיינען פאַראַן פאָלגענדע סיבות: שלעכטע באַלייכטונג פון צימער אָדער קלאַס, אין וועלכער מ'לייענט אָדער מ'שרייבט, אַ שלעכטע פּאָזיציע בעת די אויבן-דערמאָנטע טעטיקייטן, ווי צום ביישפּיל: אויסגעבויגענע פּלייצעס אָדער האַלטנדיק דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף רעכטס, אָדער לינקס אַנשטאָט גלייך, און אַממיינסטן דער שלעכטער דרוק פון בוך. אַזוי אַז ס'איז דורכאויס נויטיק אַז שול-ביכער זאָלן זיין גוט און דייטלעך געדרוקט און אויך אויף גוט פּאַפּיר. דאָס פּאַפּיר פון שול-ביכער דאַרף זיין פון אַ גוטן קוואַליטעט, און ניט דורכזיכטיק, אַזוי אַז די אותיות זאָלן זיך ניט אַדורכזעצן פון איין זייט אויף דער אַנדערער. ס'דאַרף האָבן די גרעב 0,075 מילימעטער. די אויבערפלאַך דאַרף זיין גלאַטיק, ווייל אויף ניט גלאַטיק פּאַפּיר זיינען די אותיות ניט דייטלעך, און אחוץ מזה פאַרהאַלט זיך אויף אַזאַ כראָפּאַוואַטע פּאַפּיר אַ סך שטויב, און שעדלעכע באַצילן.

דאָס פּאַפּיר טאָר אויך ניט זיין גלאַנציק, ווייל די ליכט, וואָס שלאָגט זיך אָן אויפן גלאַנציקן פּאַפּיר, גרייפט אָן די אויגן.

וואָס שייך דעם קאָליר, איז אַמפּאַסיקסטן, ווען ס'איז ווייס, אָדער עטוואָס געלבלעך.. אויף אַזאַ פּאַפּיר זענען די אותיות אַמבולטסטן.

פון הארץ צו הארץ

און איצט די אותיות גופא:

אותיות גוטע צום לייענען, אז זיי זאָלן ניט אָפּשוואכן די אויגן, מוזן האָבן א מינימום פון 1,5 ביז 1,75 מילימעטער די הויך. מאַקסימום צוויי מילימעטער. פאר קינדער פון ערשטן שול־יאָר פון 2 ביז 8 מילימעטער די הויך. אויך דארפן זיי זיין אָפּגערוקט איינס פון צווייטן. מען דארף זיך אויך אויסהיטן פון צו קויפן געניצטע ביכער, און נאָך מער פון אלעס, דאַרף מען לייגן אכט, אז די קינדער זאָלן בעתן איבערמישן די בלעטלעך ניט נעצן די פינגער אין מויל, ווייל אויף די בוך־בלעטלעך געפינען זיך אָפּט שעדלעכע באקטעריעס, איבערהויפּט אויף די גענוצטע ביכער.

מען קאָן אָבער יאָ נוצן גענוצטע ביכער אויך, ווען זיי ווערן פריער גוט דיזענפעקטירט. אָבער ניט אלע בוכהאנדלונגען ווילן דאָס טאָן, מורא האָבנדיק, אז די ביכער וועלן ווערן באשעדיקט. דעריבער, ווען איר קויפט א גענוצטן בוך, דעזינפעקציאָנירט עס אליין. מאכט דאָס מיט פאָרמאלין פון הייסער לופטפּאַרע, געמישט מיט אלקאָהאָל־פּארע מיט א נידעריקן דרוק. זעט אויך אכטונג צו געבן אויף די אויבנדערמאָנטע אָנווייזונגען, ווי לייענען און שרייבן ביי א גוטער באלויכטונג, זיצן גלייך; קויפט העפטן פון א גוטער קוואליטעט, אזוי, אז דאָס פּאַפּיר זאָל אנטשפּרעכן די אויבנדערמאָנטע אָנווייזונגען, און אייערע קינדער וועלן אזוי ארום ניט ווערן קורצזיכטיק.

חיה שרה

טאכטער פון חנה און לייבטשע פעלזענשוואלב

דער קאָנטראָל פון דער מוטער איבער דער קינדער־ליטעראטור

עס טרעפט זיך אָפט, אז די עלטערן זיינען פשוט פארצווייפלט, זעענדיק, אז זייער קינד איז אין די וואַקאַציעס מער נערוועז ווי אלע מאָל, גייט ארום ברוגז, אָנגעדרודעלט, אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט, און קען זיך קיין אָרט ניט געפינען, בעת ווען ער פלעגט ארבעטן לאנגע שעהן ביי זיינע שווערע שול-אויפגאבעס, ביי זיינע פּראָבלעמען איז עס געווען אויפגעלייגט, מונטער און צופרידן.

עס איז זייער פארשטענדלעך, וואָס מען האָט אזא קינד ניט ליב, מ׳מוסרט עס, מען שרייט אויף אים, מען וויל ארויסבאַקומען די סיבה פון זיין נערוועזיטעט, פונדעסטוועגן דארף מען געדענקען, אז טיף, טיף אין הארצן איז אזא קינד אומגליקלעך. עס איז אים גאָר ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. עס איז אפילו א רחמנות. ס׳איז אָבער זייער שווער רחמנות צו האָבן אויף א קינד, וואָס דערגייט די יאָרן אָן א פארוואָס און מ׳ווייסט ניט ווי אזוי מיט אים צו האנדלען; ווייל טאָמער שרייט איר אויף אים, פארשפּיצט איר נאָכמער זיינע אזוי אויך שוין געניג אָנגעגריפענע נערוון. פּרוּווט איר אים פאר שלום-וועגן איינבעטן מיט גוטן, רעדן צו אים ווי מען רעדט צו אַ קראנק קינד און זען, צי איר קענט אים אפשר איינשטילן, העלפט עס אויך ניט.

דאָס קינד געפינט שוין א תירוץ פארוואָס זיך אויפצורעגן און איידער

איר קוקט זיך ארום, מאכט עס שוין קולות און ווארפט זיך ווי אין קדחת. ווייל דאָס נערוועזע, דאָס שטאַרק נערוועאישע קינד, דערפילט גלייך די על-טערנס רחמנות, זייער צוריקגעהאלטנקייט און גלייכצייטיק זיין פארצוג איבער זייער שטילקייט און עס דאכט זיך אים אז עס איז אים געלונגען מיט זיינע גע-שרייען און קולות אויסצופירן זיינס, ווערט עס דעריבער מער תקיף און רעדט זיך צומאָל איין, אז ער איז אסך קלוגער ווי די דערוואַקסענע און באזיצט א שטארקן כאראקטער.

ניט נאָר קינדער, נאָר א סך מאָל מאַכן אויך דערוואקסענע מענטשן א טעות און מישן אויס דאָס נערוועזע אַרויפצוצווינגען אויף יענעם מיט שטארקן כאראקטער, און כאָטש דער נערוועאישער מענטש איז אזוי וויט פון כאראקטער-שטארקייט, ווי א שווינדזיכטיקער איז ווייט פון לונגען-שטארקייט, זאָגט משה דוכאָווני, דער פאָרשער פון מענטשלעכן כאראקטער, — דער פאקט וואָס ער איז נערוועאיש ווייזט אז מיט זיין כאראקטער איז עס עפּעס, אזוי צו זאָגן, ניט מיט אלעמען, אז ס'איז ניט געזונט; ווייזט, אז עס איז גייסטיק ניט אינגאנצן נאָרמאל. דעריבער דארף די מוטער קודם כל זיך גוט פארטראכטן און ניט פּרווון באקעמפן די נערוועזיטעט פון איר קינד, איידער זי געפינט אויס, פון וואנען עס נעמט זיך, אָט-דער אינערלעכער צוואנג צו זיין נערווע-איש,פלוצלונג גאָר דעמאָלט, ווען ער איז פריי פון לערנען, האָט ניט קיין עול פון גאָר, און לעבט ביי גוטע באדינגונגען, ניט ריידנדיק וועגן די גוטע מאכלים, נאשווארג, א ריין געלעגער און נאָך אנדערע באקוועמלעכקייטן, נאָר גייט זייער אָפט זען א פילם, א טעאטער-פאָרשטעלונג, טראָגט ביי זיך ארום געלט און קויפט פארשידענע ביכער, צייטונגען און אלערליי אילוסטרירטע אויסגאבעס, וועלכע זיין האַרץ נאָר גלוסט, און זי פארשטייט ניט, אז טאַקע דאָס לעצטע האָט ארויסגערופן אָט-אָ דידאָזיקע נערוועזיטעט, דעמדאָזיקן צושטאנד.

ווייל נערוועזיטעט נעמט זיך ווי אלע גייסטיקע קראנקהייטן, פון אונטערבא-וואוסטזיין. פון דאָרטן, וואו עס ליגן די איבערלעבונגען, וואָס דאָס שול-קינד

פון הארץ צו הארץ

פילט, בעת ער זעט א ניט-פאַסיקן פילם, א ניט-פאַסיקע פאר אים אילוסטריר־טע אויסגאַבע, א בוך, אָדער טעאַטער-פאָרשטעלונג, וואָהין זיינע עלטערן האָבן אים מיטגענומען בלויז דערפאר, וואָס זיי האָבן ניט געהאַט מיט וועמען אי־בערצולאָזן אים אין דער היים ביז שפּעט אין דער נאַכט.

עס רעוואָלטירט זיך אינעם קינד די אינסטינקטיווע טרייב-קראַפט, וואָס קאָן ניט קומען צום אויסדרוק און מאַכט אָן אַ-אַ דעמדאָזיקן חורבן אין זיין נערוון-סיסטעם.

ס'איז דער חוב פון דער מוטער צו האָבן דעם פולן קאָנטראָל פון די גייסטי־קע שפּייז פאר איר קינד פּונקט ווי איבער די פיזישע, און אפשר נאָכמער.

ווייל ס'איז פיל לייכטער צו קורירן א פאַרדאָרבענעם מאָגן, ווי פאַרדאָרבענע מוח-געפילן אָדער, בעסער געזאָגט, פריצייטיק פאַרסמטע נערוון.

ניט פּאַסיקע פאַרן קינד פילמען און ליטעראַטור איז סם, גייסטיקער סם...

דער אויפפיר פונם קינד אין די וואַקאַציעס דאַרף זיין א באַטראַכטער, באַזאָכטער, און נאָכמער קאָנטראָלירטער ווי א גאַנץ יאָר, מחמת דאָס קינד האָט דעמאָלט צופיל פרייהייט. מען דאַרף אָבער זיין זייער פאָרזיכטיק, איידל און ניט חלילה אונטערדריקן די ספּאָנטאַנע געפילן פון פרייד פאַרן קינד אין די וואַקאַציעס, ווייל דאָס איז זיין שענסטער זמן, זיין חלום...

מ'דאַרף בלויז אים קאָנטראָלירן, ד.ה. די מוטער דאַרף זיין די צענזור, און אָנווייזן וועלכע פילמען, בילדער, ער מעג זען און וועלכע ליטעראַטור ס'איז פּאַ־סיק און אים דערלויבט צו לייענען — דאַן וועט אין שטוב ניט זיין קיין גהינום און דאָס קינד וועט אין פולן זין פון וואָרט געניסן פון זיינע וואַקאַציעס. ער וועט ווי געהעריק זיין צוגעגרייט צו באַנייען זיין לערע, זיין ארבעט און האָבן אָנגע־זאַמלט א פולן רעזערוו פון: פיזישע און גייסטיקע כוחות.

— * —

אָבער דאָס איז ניט בלויז נוגע די צייט פון די וואַקאַציעס: ס׳איז אַן ענין פון און פאר א גאַנץ יאָר... און ס׳איז אַן ענין פון פאַרטראַכטן זיך, ווייל ווען אפילו די מוטער זאָל צוליב אירע שוואַכע אינטעלעקטועלע כוחות ניט זיין אימשטאַנד צו לייזן די אָנגעוואָרפענע פּראָבלעמען, וועט אָבער דאָס עצם פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, שוין זיין א שטיקל אויפטו און — א שטיקל דערגרייכונג...

ברכה שמחה

טאכטער און זון פון שושנה און דב סויבעלמאן

איפּערזיכט ביי קינדער

לעולם, לויט דער טעאָריע, לויטן פאַרשטאַנד, וואָלטן שוועסטער און ברידער געדאַרפט זיין פריינט; גוטע, איבערגעגעבענע, ליבע און געטרייע פריינט. ווײַל ווער קאָן נאָך זיין אַזוי נאָענט, ווי אייגענע, לייבלעכע שוועסטער און ברידער אין וועמענס אָדערן עס פליסט איין-און-דאָס זעלבע בלוט?

ליידער אָבער באַווייזט די פּראַקטיק, די רעאַליטעט, דעם היפּוך דערפון.

און דאָס איז נישט קיין שום נייעס, קיין צופעליקס — קאָנפליקטן, שווידערלעכע קאָנפליקטן צווישן שוועסטער און ברידער זיינען, קאָן מען זאָגן א ירושה-זאך, א ירושה פון די נאָך גאָר אַלטע, אַלטע צייטן. ווייל ביים סאַמע אָנהויב פון בלעטערן אין דער וועלט-געשיכטע שטעלט די ווירקלעכקייט אונדז פּנים אל פּנים מיט גרויל-טאַטן, פאָרגעקומענע צווישן ברודער און ברודער, ווי צום ביישפּיל: קין און הבל, יעקב און עשו, דער פאַרקויף פון יוספן און נאָך א סך, א סך אַזעלכע און ענלעכע אַזעלכע פאַקטן, וואָס מ'קאָן טרעפן אין ביכער און אין דערציילונגען. יאָ, די היסטאָריע און די ליטעראַטור איז פול מיט אַזעלכע שרעקלעך-טרויעריקע דערשיינונגען. און דאָס אַלץ איז דער רעזולטאַט, אָדער, בעסער געזאָגט, די פּרוכט פון אייפערזיכט, ווייל צווישן די פּאָזיטיווע סענטימענטן ביי שוועסטער און ברידער, געפינט זיך אַזא מין נעגאַטיווער סענטימענט-ווערימל, וואָס פלאַנצט שנאה און צעשיידט, און דאָס איז די ביטערע אייפערזיכט. ס'איז די מורא, אַז דער גורל קאָן באַוועלן; די שרעק, וואָס איינער האָט פאַרן צווייטן אַז

יענער זאָל נישט איבערשטייגן, און איבערהויפּט, אז דער צווייטער זאָל נישט גענגיסן, ד.ה. ער זאָל נישט נאשן אביסל מער ליבשאפט, מער צערטלעכקייטן און גוטס פון די עלטערן.

די אייפערזיכט אין אזעלכע פאלן דערפירט אָפטמאָל צו שרעקלעכע, צו גרויזאמע מעשים.

— די ליבע, וועלכע וואָלט, לויטן פארשטאנד, געדארפט הערשן צווישן די קינדער, פארוואנדלט זיך אין אזא מין געפערלעכע שנאה, וואָס קומט פון נישט-פארגינעריי און קאָן דערפירן צו נקמה.

א גאָר גרויסער געלערנטער, וואָס האָט שטודירט און געפאָרשט די קינדער-פסיכאָלאָגיע, האָט געזאָגט, אז לויט זיין איינזען קומט-אויס, גלייך ווי די קינדער ווערן באלד געבוירן צו זיין שונאים צווישן זיך. אָבער צי עס איז טאקע אזוי, צי נישט, אלנפאלס איז אייפערזיכט צווישן קינדער א זייער שווער פּראָבלעם, וואָס מ׳דארף געגנוי און גוט שטודירן. און דאָס איז טאקע דער חוב פון די עלטערן, אויסשליסלעך פון זיי. אָבער דאָ מוזן מיר שוין זאָגן, אז דאָס מיינט מען נישט בלויז די מוטער, וועלכע איז די הויפּט-דערציערין; דאָס מאָל מיינט מען ביידע, די מוטער און דעם פאָטער. ביידע מוזן גוט געדענקען, אז אויב זיי פילן און זעען אפילו, אז איין קינד איז שענער, גערעאָטענער, לייטישער, אויפנאמס-פעאיקער פון די אנדערע, טאָרן זיי אָבער בשום אופן נישט לויבן דאָסדאָזיקע קינד מער ווי די אנדערע. מ׳טאָר איינעם נישט געבן קיין איבעריקן קוש; מ׳טאָר אים נישט שענקען מער אויפמערקזאמקייט און צערטלעכקייט; מ׳טאָר אים נישט קויפן קיין איבעריקן פּרעזענט. יעדע איבעריקע מתנה פאר אים אין פארגלייך צו די אנדערע קען רייצן די געפילן פון צווייטן; מ׳טאָר זיך אויך נישט הנדלען מיט איין קינד מער ווי מיטן אנדערן, כאָטש ס׳פארדינט אזעלכעס. אלע קינדער דארפן דורך זייערע עלטערן באהאנדלט ווערן מיט איין-און דערזעלביקע ליבע און אויפמערקזאמקייט, ווייל ווען נישט, קען עס דערפירן צום ערגסטן.

מיט איין איבעריקן ליבעס-פונק קען מען אָנצינדן א זייער געפערלעכן פלאַקערנדיקן גיהנום. און דאָס איז דערפאַר, ווייל קינדער זייַנען גרויסע עגאָ-איסטן. און עגאָאיזם לאָזט נישט אָנערקענען דעם צווייטנס פאַרדינטן דערפאָלג, און אויך נישט די אייגענע פאַרדינטע שטראָף. עגאָאיזם איז ווי זאַלץ אין די אויגן.

איז טאקע אָט-דער ענין א גאָר שווערער און קאָמפּליצירטער אין די דערציִ-אונגס מעטאָדן, ווייל לאָגישערווייז דאַרף מען א גוט קינד אָפּלאָדירן און א שלעכט קינד באַשטראָפן. און טאקע דאָ ליגט די שוועריקייט. ווייל ס׳פּראָבלעם איז אַ קאָמפּליצירט אַ דעליקאַט. אין אַזאַ פאַל דאַרף מען די קינדער דערקלערן, אַז נישט די לויב-ווערטער און נישט די מוסר - רייד זייַנען א באַלוינונג פאַר גוטע אָדער שלעכטע טאַטן. מ׳דאַרף זיי אויפקלערן דעם באַדייט פון דעם פאָלקס-גלייַכווערטל "ווי אַזוי איינער טוט, טוט עס פאַר זיך". דערבייַ דאַרף מען דעליקאַט געבן צו פילן דעם גוטן קינד, אַז מען איז צופרידן מיט זייַן גלענצנדיקן דער-פאָלג, און מיט דעם זעלבן פּנים-אויסדרוק, מיט די זעלבע צערטלעכקייטן געבן צו פילן דעם שלעכטן קינד די גרויסע האָפענונג, וואָס די עלטערן אָדער לערער לייגן אויף זייַן גיכער פאַרבעסערונג. דאַן וועט ס׳לעצטע זיך באַמיען וואָס שנע-לער צו פאַרגיטיגן זייַן פעלער. עס וועט זיך באַמיען אויסצובעסערן, ווייל עס וועט דאָס אויסגעפינען ווי זייַן אייגענע פליכט. ערשטנס וועט עס נישט וועלן פאַרלירן דעם קרעדיט, וועלכן זייַנע עלטערן האָבן אין אים דעפּאָזיטירט; צווייטנס וועט אים שוין עגבערן אין מוח דאָס אויבנדערמאָנטע גלייַכווערטל. און וועלכעס באַשעפעניש אויף דער וועלט וויל טאָן פאַר זיך גופא שלעכטס? און אַזוי אַרום וועלן אויסגעמיטן ווערן קנאה-בליקן צווישן קינדער, און אָפּטמאָל גרויסע קריגערייען. מיט איין וואָרט: א קליין ביסעלע אינערלעכער קאַמף, א ביסעלע באַהערשונג מצד די עלטערן, און ס׳וועלן אויסגעמיטן ווערן א סך, א סך מחלוקת און ס׳וועלן נישט פאַרשאַרפט ווערן די שפּיצן.

מ׳דאַרף אויך צוגעוואוינען קינדער מיטצופילן איינער מיטן צווייטן; מ׳דאַרף

נישט וואַרטן אויף יושר, אַז ס׳זאָלן ביים קינד אליין זיך דערוועקן די ברידער-לעכע סענטימענטן. מ׳דאַרף אים צוגעוואוינען, אַז ווען זיין ברודער אָדער שוועסטער איז קראַנק, זאָל ער נישט זיין פריילעך, נאָר טרויעריק: מ׳דאַרף קינ-דער אויפקלערן, אַז אַ משפחה באַשטייט פון עטלעכע קערפּערס מיט איין נשמה, און אויב אַזוי, דאַרף דעם צווייטנס יסורים דעם צווייטנס פּיין זיין אויך זיינע אייגענע יסורים און אומעט. דאָס נעמלעכע מיט פרייד: עס דאַרף זיך פרייען מיטן צווייטנס פרייד. מ׳דאַרף נישט אַריינדרינגען אין דער טיפעניש פון קינדס נשמה, צי מיינט עס ערנסט אָדער עס טוט דאָס סתם אויס געוואוינהייט, צו וועלכן זיינע עלטערן האָבן אים פון דער פריסטער יוגנט-אָן צוגעוואוינט: זאָל עס אפילו זיין געוואוינהייט, איז עס גוט, ווייל געוואוינהייט, זאָגט מען דאָך עפּעס, איז די צווייטע נאַטור. אויך ווייסן מיר, אַז קיין שום וואַסערן אין דער וועלט, זיינען נישט אימשטאַנד אויסצולעשן דעם קלענסטן טליענדיקן פונק פון געוואוינהייט. נו, אויב אַזוי, וועט שוין ממילא נישט קענען הערשן צווישן די קינדער קיין שנאה. אויפן אָרט פון שנאה וועט נעסטן ליבשאַפט און געטריישאַפט, און ס׳וועט שוין נישט זיין קיין רייד פון איפערזוכט.

יאָ, דער עיקר דאַרפן די עלטערן קענען באַהערשן דעם כעס, וואָס ברויזט אויף אויפן מאָמענט, ווייל מיטן לעצטן קען נישט דערגרייכט ווערן דער פּאָזיטיוו-געגאַרטער רעזולטאַט. אָבער דאָ מיינט אויך נישט, אַז ווען אַ קינד באַגייט אַ פע-לער, קומט אים אַ צערטלעכן קניפּ אין בעקל. נאָך אַ באַגאַנגענעם פעלער דאַרף מען, ווי כ׳האָב שוין אויבן געזאָגט, אי מוסרן דאָס קינד, אי גלייכצייטיק אויס-דריקן די פולע האָפענונג, אַז מער וועט שוין אַזעלכעס נישט געשעען. אמת טאַ-קע, אַז ווען דער כעס ברויזט, איז שווער זיך צו באַהערשן, אָבער ס׳איז נישטאָ קיין בעסערע עצה, — מ׳מוז אַראָפּשלינגען די ביטערע פּיל, און דאָס דאַרף נאָך געטאָן ווערן אויף אַ זייער דעליקאַטן אופן. עלטערן מוזן היייליק אויספירן זייער פליכט, ווייל אין קעגנפאַל באַגייען זיי אַ זייער גרויסע זינד, און אַזאַ זינד איז אַ סך מאָל אומפאַרגעבלעך, ווייל אויב מען ברענגט קינדער אויף דער וועלט, איז

דער חוב נישט צו לאָזן זיי אויף הפקר; מ׳מוז אביסל אראָפּלאָזן פון אייגענע פאַר־גענינגנס, מ׳מוז זיך אָפּזאָגן פון א סך אינדיווידועלע באַדערפענישן, און ווי געהעריק זיי דערציען.

מ׳מוז געדענקען, אז קינדער האָבן א קעמפערישן גייסט און תמיד מיינען זיי, אז זיי זיינען גערעכט, אז נאָר זיי דענקען ריכטיק, אפילו ריכטיקער ווי זייערע עלטערן, וועלכע זיינען אַלטמאָדישע, און קומט מען זיי באַקעמפן מיט כוח, ווערן זיי נערוועאיש און הייבן אָן ארגומענטירן און אויפווייזן די אָפּגעשטאַנענקייט פון די עלטערן, זייער בלינדקייט און ניט־ריכטיקע אויפפאַסונג, נישט רעכענענדיק זיך אפילו מיט דעם, וואָס ס׳לעצטע איז א באַליידיקונג פאַר די עלטערן. ס׳קומט צו אַן אָפענעם קאַמף, וואו יעדער וויל מיט זיינע אַרגומענטן באַזיגן דעם צווייטן, און דער סוף איז, אז ס׳קינד פאַרלירט דעם צוטרוי צו זיינע עלטערן, און דע־מאָלט הייבט זיך אָן א מלחמה, וועלכע איז אַזעלכע ווען אפילו זי נעמט נישט אָן קיין בלוטיקע פאָרמען. דעריבער דאַרפן די עלטערן זיך גוט און גענוי רע־כענען מיט זייערע טוענישן און מעשים, בכדי נישט צו פאַראורזאַכן די קינדערישע נערוועזיטעט: מיט טאַקט און שׂכל דאַרפן זיי געווינען דעם צוטרוי ביי זייערע קינדער, און דאָס פאָדערט זייער א סך אַרבעט און אָנשטרענגונג, ווייל מ׳קען נישט מיט באַפעלערישקייט, מיט ברוטאַליטעט אַרויסצווינגען אויף א קינד פיינע און אידעלע באַנעמונג צווישן ברידער און שוועסטער און בכלל צו מענטשן. מ׳דאַרף דאָס טאָן מיט פּעדאַגאָגישער אויסגערעכנטקייט. מ׳דאַרף מיט חכמה, מיט וואַרעמקייט קולטיווירן זיין גייסט, איינפלאַנצן אין אים הומאַניזם, ליבע צום צווייטן, סענטימענטן און צוטרוי.

יאָ, דער עיקר צוטרוי, און דאַן וועט פאַרשווינדן די פראַגע פון אייפער־זוכט בכלל און פון אייפערזוכט צווישן קינדער בפרט.

יוֹנָה

זון פון באַרימטן פידל־קינסטלער הענריקע און שרה גירענבערג

די נאַטור און לאַניק ביי קינדער

מיר האלטן פאַר ווינטשנסווערט און פאַר זייער וויכטיק צו באַהאַנדלען די דאָזיקע טעמע מחמת מיר מיינען, אַז עס וועט פאַר דערציער בכלל און מוטערס בפרט זיין שטאַרק נוצלעך צו וויסן מער-ווייניק עפּעס וועגן דער נאַטור און לאָגיק ביי קינדער, ווייל דאָס האָט אַ גאַר-גרויסן און באַדייטנדיקן שייכות מיטן דערציאונגס-מעטאָד. אמת טאַקע, אַז אין אַ קורצן אַרטיקל איז ניט מעגלעך אַריינצונעמען אַלע איינצלהייטן, וועלכע דאָס דאָזיקע פּראָבלעם נעמט אַרום. וועלן מיר דעריבער פּרוּוון רעזומירן די טעמע און אַרויסשטעלן יענע פּונקטן, וועלכע זיינען צום וויכטיקסטן און אינטערעסירן מער. מיר וועלן דאָס פּרוּוון טאָן אויף אַ זייער באַשיידענעם אופן. מיט אַ סך פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועלן מיר אַ שמועס טאָן וועגן אָט-אָ-דעם אַזוי וויכטיקן פּראָבלעם אין גאָר קורצע ווערטער, בכדי ניט צופיל אַנצושטרענגען זיך גופא, און אויך ניט צו פאַרמאַטערן די דערציער מיט אונדזערע לעקציעס. דערציער בכלל זיינען אָפּטמאָל אַזוי אויך אַביסל צו מיד פון לייענען און נאָך מער פון וועלן אויספירן זייער אויפגאַבע לויט די געבאָטן פון דעם פאַר זיי אָנגעוויזענעם מעטאָד פאַר קינדער. דערציונג וועלכע פאָדערט זייער אַ סך פאַרזיכטיקייט און אויסגערעכנטקייט... פאַר זייער אַ סך געלערנטע, איבערהויפּט פון ראָמאַנטיקער, זיינען קינדער די גוטסקייט אַליין. די קינדער-נאַטור, זאָגן זיי, איז די צניעותדיקייט גופא. זיי פאַרגעטערן

ממש קינדער, ווייל זיי זיינען מיט דעם גלויבן און מיינונג, אז דער אמת־אמתדיקער, אויסגעחלומטער הומאניזם געפינט זיך בלויז אין די קליינע קינדערישע הערצעלעך, וועלכע זיינען קרישטאל־ריין און אומשולדיק. . .

און ניט נאָר וואָס מען דאַרף צו זיי, צו דער קליינער חברה אַרויסווייזן זייער און זייער אַ סך צוטרוי, סימפּאַטיע און ליבע, נאָר מען באַזינגט זיי טאַקע כסדר און מען באַצייכנט זיי ווי עפּעס העכערע וועזנס. אָן אַ שיעור פּאָעטן האָבן טאַקע געשאַפן זייער אַ סך שירים אויפן חשבון פון דער פיינער און גוטער נאַטור און קינדער־סובטעלקייט.

ווער עס בלעטערט אין דער ליטעראַטור פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, קען אנטרעפן שפּעדיקע לויב־געזאַנגען פאַר דער קינדערישער אמתדיקייט און אומשול־דיקייט. מען האָט געהאַט אַזוי פיל צוטרוי צו זיי און מ׳האָט אַזוי הייליק גע־גלויבט אין זייער אמת, אין זייער אומשולד, אַז בעת אויספאָרשונגען אין גאָר שווע־רע און פאַרפּלאָנטערטע פּראָצעסן פלעגן קינדער אַרויסטרעטן און פאַרעכנט ווערן אַלס באַגלויבטע עדות, טאַקע צוליב זייער נשמהדיקער ריינקייט, צוליב זייער פּשוטקייט און נאַאיווקייט... די נאַאיוויטעט זייערע — פלעגן זאָגן די ראָ־מאַנטיקער — איז דער סימבאָל פון הייליקער אויפריכטיקייט און נשמה־זויבער־קייט, אין וועלכער מ׳קען דעפּאָזיטירן צוטרוי.

נו, ס׳וועט קיינער פון אונדז ניט לייקענען, אַז קינדער זיינען באמת גוטע, פיינע און אומשולדיקע באַשעפענישן, אָבער זיי זיינען דאָס אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זיי הויבן ניט אָן ווערן זעלבסטעלע גייסטיק רייף. מיטן מאָמענט, וואָס זיי, די קינ־דער, הויבן אָן אַליין טראַכטן מיט זייער אייגענעם שכל, מיט זייער אייגענעם געדאַנק, איז די ערשטע אַרבעט זייערע צו אימיטירן די דערוואַקסענע. זיי באַ־מיען זיך דאָס צו טאָן מיט אַלע זייערע כוחות. און דאַן איז שוין די גוטסקייט פון קינד אָפּהענגיק פון דער סביבה אין וועלכער עס דערציט זיך, ווייל די סביבה, דער אַמביענט, אין וועלכע דאָס קינד לעבט און וואַקסט, פורעמט אויס זיין גוטן

אָדער שלעכטן כאַראַקטער, זיין גוטע אָדער שלעכטע נאַטור, די אטמאָספערע אין וועלכער דאָס קינד אָטעמט, געשטאַלטיקט אויס זיין גייסט. . .

האָבן אמאָל קינדער געלעבט אין א סביבה און אין א צייט, ווען מען האָט זיי כסדר אָנגעוויזן אויפן „ואהבת לרעך כמוך", זיינען זיי געווען גוטע, צניעות־דיקע און אומשולדיקע קינדער, לעבן זיי היינט צו טאָג אין א צייט פון דעפּרע־סיע, פון רעאַקציע, אָטעמען זיי אין אן אטמאָספערע פון אטאָם און הידראָגיען הערן זיי זיך איין אין דעמאָראַליזירנדיקע ראַדיאָ־נאָוועלן, קוקן זיי זיך צו אין טעלעוויזיע צו בילדער, וועלכע זיינען ניט אפילו פּאַסיק פאַר זייערע עלטערן, מכל שכן פאַר זיי, ווערן זיי אויס קינדער. זיי פאַרוואַנדלען זיך אין מיניאַטור־מענטשן, און במילא פאַרשווינדט שוין אזוי אָרום די אייביקע קינדער־גלאָריע, וועלכע האָט במשך פון דורות אָנגעפילט מיט אַן א שיעור פרייד און זייער א סך גליק די מענטשלעכע הערצער און נשמות.

די מיאוסע און שלעכטע געוואוינהייטן און מידות ביי קינדער, די גראָבע אין שלעכטע נאַטור זייערע, די גוואַלדיק־גרויסע נערוועזיטעט און ניט גוט אויסגע־רעכנטע רייד און טאַטן זייערע, זיינען בפירושע רעזולטאַטן פון דער פאַרעמלאָזער הו־האַ־צייט אין וועלכער מיר לעבן, און אויך פון יאָרנלאַנגע פאַלשע, שקרדיקע און שלעכטע אויפפירונגען פון די אַלע, וועלכע האָבן זיי, די קינדער, ארומגערינגלט. ס'איז די שולד פון צייט און סביבה.

אמת טאַקע, אז עס זיינען פאַראַן צופיל שלעכטע אומשטענדן, צופיל נעגאַ־טיווע פאַקטאָרן און שוועריקייטן, וועלכע זיינען דאָס גורם. אָבער דער פאַקט בלייבט לײַדער א פאַקט.

און דערפאַר קאָן די קינדער־שלעכטקייט בשום אופן ניט צוגעשריבן ווערן זייער אייגענער נאַטור, נאָר גיכער, דער מענטשלעכער שוואַכקייט, וועלכע האָט ניט באוויזן, ניט געקאָנט גובר זיין דעם פאַרדאַרבנקייטס־מיקראָב, וואָס האָט זיך אזוי טיף ארייננעגנבעט אין דער נשמה פון די דערוואַקסענע און אויך שפּעטער

זיך אריבערגעטראָגן אין די ריינע, אומשולדיקע קינדערישע נשמהלעך, וועלכע פלעגן אמאָל שטראלן מיט זייער זויבערדיקער קרישטאל־ריינער נשמה־ריינקייט.

און ווער קאָן דען וויסן, צו וואָסערע מדרגות מיר וועלן נאָך אלץ דערגייען! ווייל זאָגט מען דאָך עפּעס, אז אזוי לאנג ווי דער קנויל פון לעבן איז נאָך אלץ קנויל און האָט זיך נאָך ניט אינגאנצן אויפגעוויקלט, קאָן מען ניט וויסן, וואָס פאר א פארשידענע פלאָנטערס עס וועלן נאָך קומען. אזעלכע פלאָנטערס וואָס וועלן זיך אָנזעצן אויפן לעבן פון דערוואקסענע בכלל און קינדער בפרט.

איינס איז אָבער זיכער און קלאָר: עס איז א געוואוינער פעסטגעשטעלטער פאקט, אז די קינדער־נאַטור איז באמת א זייער גוטע, א ריינע און סובטעלע. און אויב מיר טרעפן דאָך א פארדאָרבענע קינדער־נאטור א קינד אן אויסוואורף, איז עס כמעט הונדערט־פּראָצענטיק די שולד פון דעם ארום, פון דער סביבה, און נאָך מער פון אלץ: פון די דערציער גופא,וועלכע זיינען ניט געווען גענוג פאָרזיכטיק, ניט גענוג אָפּגעהיטן די כללים פון דער דערציאונגס־מעטאָדע, און נאָך ווייניקער אָפּגעהיטן זייער אייגענע נאטור און מאָראל פון שלעכטע שטרויכלונגען, וועלכע זיינען אומגליקלעכערווייזע קערנדיק און ארויסגעגעבן אָט־אָ־די פירות, וועלכע באווייזן זיך אין דעם שפיגל פון דער קינדערשער נאטור מיט זייער גאנצער אכזריותדיקייט.

דאָס אלץ איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער קינדער־נאטור.

וואָס שייך צו דער לאָגיק ביי קינדער, איז שוין די זאך א גאנץ אנדערע. ס'זיינען פאראן א סך, זייער א סך מיינונגען פון מענטשן, קינדער־קענער, וועלכע זאָגן, אז די קינדער־לאָגיק איז א געפערלעך שלעכטע און אַבסאָלוט גאָרניט קיין אויסגעהאַלטענע, ניט קיין באזירטע און אויסגערעכנטע, ניט קיין שכלדיקע.

פאראן ווידער אנדערע, וואָס זאָגן זיך ארויס אויף דעם געביט פונקט פארקערט. זיי זיינען דער היפוך פון דעם אויבנגעזאָגטן.

ס'זיינען פאראן אזעלכע וואָס זיינען ביי דער מיינונג, אז בכלל, ביז א געוויסן

עלטער זיינען קינדער לגמרי ניט פעאיק, לחלוטין ניט בכח צו מאנעווירן מיט דער לאָגיק. זיי האָבן וועגן איר קיין שום אנונג ניט. און נאָך אנדערע געלערנטע זאָגן נאָך, אז די לאָגיק ביי קינדער איז א פיל גענויערע און רייכערע ווי ביי די דערוואקסענע.

אלענפאלס, בלייבט דאָס אלץ נאָך אַלס פאָרשונגס-פּראָבלעם, וועלכן מען דאַרף נאָך זייער און זייער א סך שטודירן און איבערשטודירן. ווייל ס'איז דאָך עפּעס לאָגיק! איינס איז אָבער קלאָר, אז אין דעם זין טראָגן שוין ניט די דערציער די הונדערט-פּראָצענטיקע פאראנטוואָרטלעכקייט. זיי טאָרן אָבער דעם דאָזיקן פּראָבלעם ניט איבערלאָזן אינגאנצן אויף הפקר, ווייל לויטן שכל הישר, דאכט זיך, אז די לאָגיק ביי דערוואקסענע איז דאָך א גענויערע ווי ביי קינדער. און שוין דערפאר אליין מוזן זיי, די דערציער, שטיין ווידעראמאָל אויף דער וואך, בכדי זיי, מיט זייער געזונטער לאָגיק, זאָלן אכטונג געבן און ניט מאכן קיין טעותים. זיי דאַרפן זען, ניט צו פאַרבייטן אמאָל כיטריקייט מיט לאָגיק.

אָט טרעפט למשל, אז א דערוואקסענער ווערט אין א דיסקוסיע מיט א קינד באזיגט. מיינט דאָס אָבער ווייט נאָך ניט, אז דאָס איז געשען א דאנק דער גו-טער און געזונטער קינדערשער לאָגיק. ניין! עס איז א טעות. ס'איז גיכער די פּרוכט פון קינדערישער שוואכקייט און אומבאהאָלפנקייט.

ווייל פּונקט ווי אלע אנדערע שוואכע באשעפענישן, וועלכע זוכן ביי זייערע באהערשער, ביי זייערע מושלים, דעם סענטימענטאלן שוואכן פּונקט, בכדי אזוי ארום זיי צו קענען באזיגן, אזוי טוען דאָס אויך די קליינע חברה, די קינדער. מיט זייער גאַנצער קינדערישער כיטריקייט זוכן זיי צו כאפּן די דערוואקסענע ביי עפּעס א ליגן, ביי א ניט פּאסיקן, אָדער ריכטיקער געזאָגט ביי א מיאוסן טואונג, בכדי דאָס אויסצונוצן אלס א מיטל, אין פאל, ווען מען זאָל זיי ביי עפּעס ענלע-כעס טרעפן. זיי שפּיאָנירן ממש נאָך די דערוואקסענע, גריבלען זיך אין סודות, זוכן כסדר נאָך זייערע שלעכטע ניט פּאסיקע אויסדרוקן, זייערע חטאים, אלץ מיטן

זעלבן אויבנדערמאָנטן ציל. זיי טוען דאָס בכדי צו קענען פאַרטיידיקן זייער איי־גענער פּאָזיציע, בכדי צו קענען זיך ארויסדרייען פון אזא ענלעכער לאגע, צו קע־נען קונציק אויסמיידן א זיכערע, א פארדינטע שטראָף.

אָבער ווי אזוי עס זאָל ניט זיין, קען מען דאָס דאָך אַלץ אין קיין שום פאַל ניט צורעכענען צו דער שכלדיקער, גוטער, רייפער און געזונטער קינדער־לאָגיק. מיר קענען דאָס גיכער צושרייבן צו דער שארפער קינדערישער ביטערקייט, וועלכע שמט פון אייביק אָן מיט איר גרויסער גלאָריע...

און אָט־אָ דאָ פאָדערט זיך א סך אָנגעשטרענגטקייט. מיט חכמה דארף מען מעסטן אין באקעמפן די קינדערישע ביטערקייט, ווייל ווען ניט, קען דאָס קינד זיך איינרעדן, אז עס איז א סך קליגער ווי זיינע דערציער. עס קען זיך איינבילדן, אז עס איז עפּעס העכערס ווי זיי, די דערוואַקסענע, כאָטש פיזיש זיינען זיי העכער פון אים.

איך בין זיך מודה ומתוודה, אז איך וויל ניט אָנוואַרפן פאר די דערציער אזוי פיל אַרבעט; איך זוך פארשידענע עצות צו פארלייכטערן די דערציונגס־מעטאָדע, אָבער עס גיט זיך קנאַפּ איין, ווייל די צייט, אין וועלכער מיר לעבן היינט, איז א פארמלאָזע. און טאקע דערפאר מוז מען אוועקגעבן זייער א סך מי און אר־בעט, ביז מען באווייזט צו דערציען א פיזיש און גייסטיק געזונט, באלעבאטיש סאָליד קינד. אמאָל איז דאָס ניט געווען אזוי שטארק שווער, ווייל דער דערצי־אונגס־ וועג איז געווען אָן אָנגעצייכנטער, א קלאָרער און פיין־אויסגעפלאַסטערטער, וועלכער האָט כסדר געפירט צו א געזונטן, פּראַקטישן ציל, בעת היינט פירט אַלץ צו הו־הא און הפקרות.

ווייל מען היינט־צו־טאָג האָבן דערפאַלג אויפן דערציאונגס־געביט, ווייל מען דערגרייכן עפּעס גוטס, מוז מען האָבן אויערן און אויגן אין אלע זייטן. מען מוז אויך זיין געגוג שטארק צו קענען נאָכשפּירן און קאָנטראָלירן די ארט האַנדלונג און אויפפירונג סיי אין דער אייגענער היים, סיי אויסערן הויז. און נאָך מער פון אַלץ

פון הארץ צו הארץ

דארף מען קענען קאָנטראָלירן די קינדער-ליטעראַטור, ווי אויך די טעלעוויזיע און ראַדיאָ-פּראָגראַמען. מיט איין וואָרט: ס'איז שווער! מען דארף שטיין גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת אויף דער וואך.

קיין איין איינציקע מינוט זיך ניט פארלאָזן אויף דער נאַטור און לאָגיק פון די קינדער גופא...



זשילבערטאָ ראפאעל

זין פון רוניא און חיים לינדען

די פּסיכאָלאָגיע און די איינרעדעניש פון קינד

די עלטערן וועלכע לעבן צוזאמען מיט די קינדער, מיינען, אז זיי קענען זיי אמבעסטן. אין אמתן אָבער איז ניט אזוי, ווייל די קינדערישע פסיכיק איז סודות־דיק, אָדער בעסער געזאָגט, כישופדיק, און ס׳פארשווינדט אלץ פון אונטער די עלטערנס אויגן און פון זייערע הענט. ס׳פליסט אוועק ווי וואסער און ניט זעעב־דיק פון וואו און פון וואנען, ווערן א סך מאָל די קינדער מאָראליש פארוואָר־לאָזט...

ווען מ׳רעדט וועגן קינדער־פסיכאָלאָגיע, טאָר מען אָבער בשום אופן ניט רעדן וועגן קינדער אין אלגעמיין, ווייל ס׳איז ניט פאראן איין טיפ קינד; יעדעס קינד איז א וועלט פאר זיך. אלס פאקט קען דינען דאָס, וואָס צוויי קינדער פון די זעלבע עלטערן אָדער אפילו גאָר א צווילינג, קאָן זיין אזא גוואלדיקער דיפערענץ, אז ס׳ווילט זיך ניט גלויבן, אז זיי זיינען שוועסטער אָדער ברידער: איינער א גוטער, א פיין־פילנדיקער, א הומאָרפולער: דער צווייטער א שלעכטער, א תמיד פאר־כמורעטער, א כעסן. ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אז דאָס זיינען קינדער פון איין און־דיזעלבע עלטערן און אז ביידע האָבן געשעפט זייער דערציאונג פון דעם זעלבן קוואל, דערצויגן זיך אונטער דער זעלבער אויפזיכט און געלעבט אונטער איין דאך...

יעדעס קינד פֿאַרמאָגט זײַנע אײגענע עלעמענטן און אײגנשאַפֿטן, וואָס שאַפֿן און אַנטוויקלען זײַן טעמפּעראַמענט, וואָס ווערט די באַזע פֿון זײַן כאַראַקטער. דעריבער טאַקע דאַרף די מוטער גוט אָבסערווירן איר קינד און צופּאַסן דעם דערציִונגס־מעטאָד צו זײַן טעמפּעראַמענט, צו זײַן כאַראַקטער, און בכלל צו זײַן פּסיכאָלאָגיע.

וויכטיקע פּעדאַגאָגן און אויסגעשולטע דערציִערינס האָבן זיך שוין באַטײליקט, און באַטײליקן זיך נאָך הײַנט־צו־טאָג אין דעם סימפּאָזיום איבער פֿאַרשידענע אַספּעקטן פֿון דערציִונגס־פּראָבלעם, און זײ האָבן פֿונדעסטוועגן ניט אויסגעפֿונען אַ צוגעפּאַסטן פּראָגראַם, אַזאַ מעטאָד, וואָס זאָל קענען דינען פֿאַר אַלע קינדער אין אַלגעמײן, אָן אויסנאַם. ס׳איז אָבער ניט פֿאַראַן קײן אויסנאַם צווישן זכר און נקבה; ס׳איז ניט, ווי אַ סך עלטערן רעדן זיך אײַן, אַז אַ ייִנגל דאַרף זײַן מער געלערנט, אַז מ׳דאַרף לײגן מער אַכט אויף זײַן דערציִונג, ווײַל אויף אַ ייִנגל קען מען אַרויפֿלײגן אַ גרעסערן עול, דאַקעגן אַ מײדל, קען ניט אויפֿנעמען אַזאַ גרויסע צאָל לימודים, ווײַל זי איז ביאָלאָגיש באַוווּלט.

אָט לאָמיר מאַכן אַ פּרוּוו אַ ריר צוטאָן די זאַך פֿון אָרט, און מאַכן עס פֿאַר דעם פּראָבלעם פֿון אַלע פּראָפֿעסיאָנעלע דערציִערינס, איבערהויפּט פֿאַר דער מוטער, וועלכע פֿילט, אַז אין דער וועלט פֿון דער קינדער־דערציִונג קומט פֿאָר עפּעס אַזוינס, וואָס וועקט אין איר, וואָס רופֿט און מאָנט עפּעס פֿון איר. און דאָס איז: פֿאַרטראַכטונג און קאָנטראָל; קאָנטראָל איבער יעדער קלײניקײט.

מ׳דאַרף קאָנטראָלירן די אַנטוויקלונג פֿון אַ מײדל מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקײט. אָבער גלײַכצײַטיק זי צוגעוווינען באַלד פֿון דער פֿריסטער יוגנט אָן צו נעמען אָנטײל אין אַלע צווײַגן פֿון לעבן: סײַ פֿיזיש, סײַ גײַסטיק, פּונקט ווי דאָס ייִנגל, ניט אײַנרעדנדיק איר, אַז די אָדער יענע אַרבעט איז צו שווער און איז ניט פֿאַר איר, ווײַל זי איז אַ מײדל. נײן, ניטאָ אַזעלכע שווועריקײטן. דאָס האָט באַוויזן די געשיכטע פֿון די לעצטע יאָרן, ווען פֿרויען זײַנען געשטאַנען און שטײען נאָך הײַנט־צו־טאָג ווי העלדן אויף אַלע פּלאַצווקעס גלײַך מיטן מאַן,

פארטיידיקנדיק א סך מאָל יעדן שטאַנדפונקט נאָך בעסער ווי דער העלדישסטער מאַן.

מיין מיינונג איז, אז דערציען א מיידל איז נאָך א גרעסערע פאַראַנטוואָרט-לעכקייט, א נאָך שווערערע אויפגאבע ווי דערציען א יינגל, ווייל „א זון, גוט דערצויגן, הייסט א פיינעם מאַן דערצויגן; א טאָכטער, גוט און פיין דערצויגן, הייסט א דור גוט דערצויגן".

מ׳טאָר בשום אופן ניט לאָזן פאלן אזעלכע ווערטער, ווי: ס׳איז צופיל, צו שווער די ארבעט פאר איר, בלויז דערפאר, ווייל זי איז געבוירן א מיידל; ווייל קינדער האָבן ליב אויפצוכאפּן יעדעס וואָרט, יעדן שאָרך און פּיפּס. און טאָמער האָט א קליין מיידעלע אויפגעכאפּט אזא אויסדרוק,ווי: ס׳איז פאר איר שווער, אָדער זי וועט דאָס ניט קענען מאכן, וועט זי אפילו שפּעטער, גרעסערערהייט, ביי קיין פאל ניט קענען אויספירן, אָדער לייזן אפילו נאָר אביסל א שווערלעכן לעבנס-פּראָבלעם, ווייל די סוגעסטיע וועט זי מאכן אומפּעאיק. איינרעדעניש איז א גרויסע קרענק פאר יעדן איבערהויפּט פאר קינדער, וועמענס פּסיכאָלאָגיע און מענטאַליטעט איז א וואקלדיקע, א שוואכע, א נאָך ניט באַפעסטיקטע.

עס איז מיר גאנץ אָפט פיינלעך און טיילמאָל אפילו קאָמיש צו זען, ווי מאמעס שטאטן אויס זייער רייך זייערע טעכטער צו דער פּאַרמאַטורע, דאָס הייסט, צום פאַרענדיקן דעם גימנאַזיאַלן אָדער סענטיפיקו קורס, זאָגנדיק דערביי אזוי: — אנו, ס׳איז דאָך נאָר איין מאָל אין לעבן, דאָס מיינט צו זאָגן, אז מער וועט שוין אזא מיידל ניט שטודירן, ווייל זי וועט אזוי אויך קענען זיין א גוטע באַלעבאָסטע און איינאָרדענען א שיינע היים.

מוז איך דאָ זאָגן מיין מיינונג, אז א היים איז ניט סתם א וואוינונג, וואָס איז גלאָט אָנגעשטעלט מיט מעבל און שיינע קונסט-חפצים, א היים דארף האָבן א פּנים, פּונקט ווי א מענטש דארף האָבן אן אויסזען און עפּעס מיט זיך פאָרשטעלן, אזוי דארף אויך א היים, א הויז פון א פאמיליע, טראָגן עפּעס א כאראקטער, א היים

איז ניט עפּעס א פלאץ, וואו מען קומט זיך צוזאמען, מען עסט, שלאָפט און רוטנין, א היים האָט עפּעס העכערס אין זיך, א היים האָט א נשמה, וואָס רעפלעקטירט, שפּיגלט - אַפּ די מענטשן, וועלכע נעסטן אין איר. איבערהויפּט שפּיגלט די היים אָפּ פריער פון אלץ די אינטעליגענץ, דעם געשמאק און פארשטענדעניש פון דער באלעבאָסטע, פון דער דערציערין, ווייל זי איז דאָך די קאָנסטרוקטאָרען פון דעם דאָזיקן מקום מנוחה פאר איר פאמיליע. די היים פאר איר מאן און קינדער... די צרה איז אָבער, וואָס מיר האָבן ניט צופיל דרך-ארץ, ניט צופיל רעספּעקט פאר דער היים, פון וואנען עס דארפן ארויסקומען פון די היינטיקע קליינע קינדער — די מאָרגנדיקע דערצויגענע און געזונטע מענטשן. מ׳פארלאָזט זיך צופיל אויף דער שול און אויף דער גאס, אָדער גאָר אויפן קינדס אייגענעם חסד און דאָס איז די סיבה, וואָס די קינדערישע פּסיכאָלאָגיע און זיין כאראקטער פורעמען זיך אויס אנאָרמאל.

א גרויסער פּסיכאָלאָג, וואָס ווערט באלאגערט יעדן טאָג אין זיינע אויפנאמס צימערן פון פרויען און מענער, וואָס קומען פאר אים זיך אראָפּרעדן פון הארצן, האָט דערקלערט, אז זייער צעטראָגנקייט, זייער נערוועזיטעט, נעמט זיך נאָך פון זייער קינדהייט. פון זייער קראנקער פּסיכאָלאָגיע וואָס האָט זיך אין די קינדער יאָרן געשפּייזט מיט ניט ריכטיק באזירטע איינרעדעניש. א צווייטער גרויסער פּסיכאָלאָג שטעלט פעסט, אז 99 פּראָצענט מעשים פון מענטשן זיינען רגילותן, אויטאָנאָמישע געוואוינהייטן, וועלכע דינען אלס דאָס שמיד-אייזן אויסצופורעמען דעם גוטן אָדער שלעכטן כאַראַקטער. אויך דעם קינדס מענטאַליטעט קען ניט זיין ליידיק. געפינט עס זיך ניט אין א גוטער סביבה, פון וואנען עס קען שעפּן גוטע און שיינע געוואוינהייטן, זאפּט עס אין זיך איין שלעכטע און מיאוסע געוואוינהייטן; ווערט דאָס קינד ניט ווי געהעריק אָריענטירט, ווערט עס דעזאָריענטירט: לערנט מען עס ניט אויס האלטן זיך ריין, זויבער, האַלט עס זיך שמוציק, און אנשטאָט פּראָגרעס און אינטעליגענץ ווערט גאָר די קינדערישע פּסיכאָלאָגיע און כאַראַקטער פארוואָרלאָזט, גראָב און פארדאָרבן...

פון הארץ צו הארץ

דאריבער איז דער הויב פון די דערציערין, פון דער מוטער. צו שטודירן דעם קינדס פסיכאָלאָגיע און מיט א מוטערלעכער אויפריכטיקייט צופאסן דעם דערציונגס מעטאָד. זאָגט מען דאָך עפּעס, אז א מוטערס ווארעמע ווערטער זיינען דער בעסטער שליסל צום קינדס הארץ, קינדער האָבן אויך ליב געזאנג, מוזיק, און מיטן לעצטן, קען מען ביי זיי אלץ פועלן. נו, ווייסן מיר דאָך, אז פון אלע סאָרטן מוזיק, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, איז די זיסטע און צארטסטע — דאָס קלאפּן פון א טרייען ליבנדיקן מוטער-הארץ... זאָל די מוטער ניט פארגעסן, אז דאָס גליק פון איר קינד איז אָפּהענגיק אין דער אמונה פון איר אָפּפערווייליקער דערציונג.

צו דערציען א גוטע טאָכטער אָדער זון, איז דער גרענעץ פון דער מוטערס אָנשטרענגונג, אויך גלייכצייטיק די גרעניץ פון דער מוטערס פארגעניגן. פּאָעטן שרייבער און מאָלערס האָבן אין זייערע שילדערונגען, אלעגאָריעס און בילדער שוין פארגעשטעלט די פרייד, די גרויסע שמחה פון דער מוטער, ווען מען קינדער זיינען פיין און געראָטן. און אויך גלייכצייטיק דעם גרויסן ווייטיק און צער ווען אירע קינדער זיינען פארדאָרבן. דאָס בעסטע, שענסטע און דערהויבנסטע, וואָס עלטערן קענען האָבן אין זייער לעבן, איז — וואוילע און גוט-דערצויגענע קינדער וועמענס פּסיכאָלאָגיע איז רייך אין חכמה, וויסן, מענטשלעכקייט און סענטימענטן. און דאָס קאָן נאָר דערגרייכט ווערן דעמאָלט, ווען די מוטער ווידמעט א סך צייט אויף אָפּצוהיטן זאָרגפעליק די קינדערישע פּסיכאָלאָגיע און לויט די כללים פונם דערציונגס-מעטאָד באקעמפן די ניט ריכטיקע, ניט לאָגישע איינרעדענישן. און דאָס איז דער הייליקע חוב צו טאָן וואָס פריער: אין דעם ערשטן פּעריאָד, וואָס רעכנט זיך פון ערשטן ביזן זיבעטן לעבנס-יאָר. ווייל אין אָט-די יאָרן האַנדלט יעדעס קינד אינסטינקטיוו, אָן שום אויסרעכנונג... ניט זיין געהאָרכזאַמקייט און ניט זיין בונטארישקייט, זיין קעגנשטעלן זיך באזירט זיך אויף מאָראל אָדער אַנטי-מאָראל. קינדער זיינען עגאָאיסטן לייכטזיניק און ברוטאל. און ווייל מען מאַכן פון א קינד א געזונטן און גוטן עלעמענט, מוז מען עס אָנהויבן דערציען

מלכה אפעלבוים

אין א געזונטן חברישן גייסט. מ׳מוז עס אויסלערנען האַנדלען מיט אויסרעכענונג, אָן לייכטזין און מיט סענטימענטן.

און ווען א קינד נעמט אויף גוט דער מוטערס אָנווייזונגען און דעמאָנסטרירט זיינע גוטע זייטן און שיינע מאניערן, דארף מען אים אפּלאָדירן, בכדי אים ארויס-צווייזן אָנערקענונג. קינדער האָבן ליב ענטוזיאזם. און — זשאלעוועט זיי דאָס ניט, אויב זיי פארדינען דאָס. מיט מילדקייט היילט מען די קינדערישע פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז ביי א סך קינדער אי שטורמיש, אָדער גאָר טיילמאָל צופיל טעמפּ. ווי פארטשאדעט. מיט ליבע און קלוגע דערקלערונגען פורעמט מען אויס ,ווי גע-העריק די פּסיכאָלאָגיע און מ׳היילט די שלעכטע איינרעדעניש פון קינד.

העלענא

טאכטער פון פאולינא און בערנארדא שענקער

דאָס קינד און דער ליגן

דאָס קינד איז לעולם א פונדאמענטאלער ליגנער. ניטאָ כמעט קיין איין קינד, וועלכעס זאָל ניט א סך אָדער ווייניקער מאָל געשטרויכלט ווערן פון דערדאָזי־קער שלעכטער און מיאוסער מידה, וואָס רופט ארויס א שלעכטן בייגעשמאק. און אויב עס געפינט זיך שוין יאָ אזא קינד, וואָס איז אויפריכטיק, תמיד ערלעך, איז עס ניט דערפאר, וואָס עס איז אזוי גוט און מוסטערהאפט דערצויגן, ניט דערפאר, וואָס מ׳האָט אים צוגעוואוינט צו זאָגן תמיד דעם ריינעם אמת, נאָר פּראָסט און פּשוט ווייל דאָס קינד איז ניט פעאיק אויף דער גיך אויסצוקלערן א צוגעפּאַסטן ליגן, אויף צו קענען זיך שנעל פארטיידיקן פאר זיינע באגאנגענע שלעכטע טאטן, בכדי אזוי ארום, קליגעריש, צו קאָנען זיך ארויסדרייען פון א זי־כערער, פארדינטער שטראָף מצד זיינע עלטערן אָדער לערער.

ווער ס׳אָבסערווירט און פאָרשט דאָס קינדערשע לעבן, קאָן מיט רעכט זאָגן, אז דאָס דאָזיקע לעבן איז איין גרויסער קנאָספּ פון ל־גן. אָבער דאָס קומט ניט חלילה פון שלעכטקייט און פון ניט-דערצויגנקייט, דאָס קומט גיכער פון נויט־ווענדיקייט, וואָס דינט אים אויף צו פארטיידיקן זיינע קינדערישע פּאָזיציעס, זיין ארט האַנדלונג.

ווייל דער פאקט איז, אין קינדערישן לעבן קומען פאָר אָפּטמאָל אזעלעכע

פארשידענע קאָמפּליצירטע געשעענישן, וועלכע באַוועגן דאָס קינד צו זיין א ליגנער. ס׳זיינען טייל מאָל ביים קינד פאראן אזעלכע סיבות, וועלכע פירן אים צו דעם, אז ס׳זאָל זאָגן ליגן, ווייל אנדערש איז עס זיכער, אז, אָדער עס וועט באשטראָפט ווערן אָדער פארשעמט ווערן.

בכלל איז דער ליגן ביי קינדער א פארשידנארטיקער. און נאָך עפּעס, יעדער ליגן טראָגט אן אנדערן כאַראַקטער, דעריבער איז דער חוב פון דער דער־ציערין, פון דער מוטער, אז זי זאָל אויספאָרשן און מיט געניטשאַפט נאָכקאָנ־טראָלירן און זען, וואָסערער כאַראַקטער עס טראָגט דער ליגן, וואָס איר קינד האָט געזאָגט. און לויט דעם כאראקטער פון געזאָגטן ליגן וועט זי וויסן, ווי אזוי צו רעאגירן און דאָס באַקעמפן.

לאָמיר פרוון א ריר טאָן די זאַך פון אָרט. לאָמיר פרוון אנאליזירן דעם קינדערישן ליגן און דאַן וועלן מיר קאָנען אורטיילן. לאָמיר אָנגעבן א ריי מאָ־טיוון, וועלכע ברענגען די קינדער צו דעם,אז זיי זאָלן זאָגן ליגן. לאָמיר זיך אריינטראַכטן אין קינדערישן לעבן.

ס׳איז פאראן א ליגן פון שלעכטער אויפפאַסונג, א „טעותדיקער ליגן״, ווי צום ביישפּיל: דאָס קינד האָט געזען עפּעס א סצענע און זי ניט גוט אויפגע־געפאסט, און איבערדערציילנדיק די דאָזיקע סצענע. זי איינגאַנצן כמעט פארביטן. אָט־אָ דאָס רופט מען א סך מאָל „ליגן״. ס׳קומט דערצו, אז מען פארשעמט א סך מאָל דאָס קינד, אויסדריקנדיק זיך: זיי שטיל, זאָג ניט קיין ליגן! ניט אזוי איז עס געשען!

אָט־אזא האנדלונג איז ניט א ריכטיקע; ווייל וואָלט מען זיך פארטראַכט אין קינדערישן געדאנק, וואָלט מען אויסגעפונען, אז דאָס קינד טראָגט ניט די שולד פון דעם ליגן, וואָס עס האָט געזאָגט. ווייל, אָדער עס האָט ניט גוט אויפ־געפאסט די סצענע, אָדער אפשר האָט עס זי יאָ גוט אויפגעפאסט, נאָר שפּעטער

האָט עס זי אין איר קינדערישער פאַנטאַזיע איבערגעאַרבעט, אינגאַנצן איבער־געאַנדערשט און איבערדערציילנדיק זי, האָט זי באַקומען אַן אַנדער פּנים, אַן אַנ־דערן אויסזען. אָבער מ׳קאָן דערפאַר עס בשום אופן ניט אָנרופן ליגנער, ווייל עס איז גאָט די נשמה שולדיק. עס איז ניט אויסן געווען צו זאָגן אַ ליגן.

אַזאַ ענלעכער קרבן איז אויך אַ נאַאיווו קינד, וואָס גלויבט הייליק אין אַלץ, וואָס זיינע חברים דערציילן אים, און אַהיים קומענדיק פון שפּיל־פּלאַץ אָדער שולע, דערציילט עס די געהערטע מעשה אין שטוב פאַר זיינע עלטערן, וועלכע לאַכן אים אויס און שטעמפּלען אים אַלס ליגנער, אויפווייזנדיק אים, אַז אַזאַ מעשה איז ניט אמת.

״ס׳איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן — צעשרייט זיך די מאַמע — זאָג ניט קיין ליגן! ס׳איז ניט שיין צו זיין אַ ליגנער״, מוסרט זי אים.

דאָס קינד בלייבט ביי זיך געפּלעפּט. עס קאָן זיך בשום אופן ניט אָריענטירן אין דער סיטואַציע. עס ווייסט, אַז עס האָט קיין ליגן, ניט געזאָגט. עס האָט בלויז איבערגעחזרט דאָס, וואָס מען האָט אים דערציילט. זיין קינדערישער מוח איז ניט פעאיק צו פאַרשטיין און כאַפּן זיך, אַז זיין חבר איז אָדער אַ ״שטיפער״, אַן ״אָפּשפּעטער״, און אים בכיוון דערציילט אַזאַ מעשה, בכדי שפּעטער צו קאָ־נען חוזק פון אים, אַז ער אַליין איז אַ תם און האָט געגלויבט אין זיין אויס־געטראַכטער באָבע־מעשה, אָדער ער איז אַ ייִנגל מיט אַ שאַרפן מוח, וואָס באַ־שאַפט אין זיין פאַנטאַזיע פאַרשידענע פּאַסירונגען, וואָס זוכן אַ תיקון. און ניט אויסנעמענדיק ביי זיינע פּיפּיקע חברים, זוכט ער אויס דווקא אים, דעם נאַאיווון, און לאָדט אויס זיין נאַגצן באַנאַזש מיט מעשיות פון ״טויזנט און איין נאַכט״.

ניין, בשום אופן איז דעם קינד ניט מעגלעך דאָס אַלעס צו פאַרשטיין. אָבער די עלטערן דאַרפן יאָ פאַרשטיין זיך אַריינצוטראַכטן, אין דער קינדער־וועלט, און ווען אַ קינד נעמט דערציילן אַ מעשה, וואָס קלעפּט זיך ניט, דאַרף מען קודם כל גיוואויר ווערן פונוואַנען די זאַך שטאַמט ; מ׳דאַרף אויספאָרשן מיט איידלקייט

און חכמה, און אנשטאט שטעמפּלען ס׳קינד אלס ליגנער, דארף מען אים די אלע פּרטים אויפקלערן, געבן אים גוטע אָנווייזונגען און קלאָר מאַכן פאר אים די רעזולטאטן פון זאָגן ליגן. אזוי ארום היט מען אויס דאָס קינד פון דער חרפּה, וואָס פארשווארצט שפּעטער ס׳פּנים, ווען מ׳כאפּט ביי א ליגן. אָבער אין קיין פאל טאָר מען ניט ביליק מאַכן דאָס וואָרט „ליגנער״. מ׳דארף פריער אלעס גוט איבערעכענען, איידער מ׳זאָגט־ארויס דאָס זילד-וואָרט ״ליגנער״.

צו דעם סאָרט אומשולדיקע ״ליגנס״ געהערט אויך דער ליגן וועלכן מ׳זאָגט צוליב מורא פאר א שטראָף. לאָמיר ברענגען א קאָנקרעטן ביישפּיל; א סך עלטערן באַשטראָפן הארב זייערע קינדער פאר דעם קלענסטן באגאנגענעם פעלער. אזעלכע קינדער זיינען אָפטמאָל זייער נערוועאיש, טראָגן זיך ארום מיט דער אייביקער מורא און קלערן גארניט אזוי פיל אריין אויף אויסצומיידן שלעכטע טאטן, ווי אויף אויסצוקלערן א צוגעפּאסטן ליגן, בכדי נישט באשראָפט צו ווערן. דעריבער איז ראטזאם אז מען זאָל זיין געגנוג אויסגערעכנט ביים באַשטראָפן דאָס קינד. ווידעראמאָל מוז מען אויספאָרשן די סיבות, וועלכע האָבן דאָס קינד געפירט צו דעם. אין די ערשטע שטראָף דארף מען אים שענקען וואָרענענדיק אים, אז אויב דער געשעענער פאקט וועט זיך איבערחזרן, וועט די שטראָף זיין א דאָפּלטע. מ׳דארף דעם קינד געבן אָנווייזונגען, אז עס זאָל וויסן ווי אזוי אויסצומיידן צו באגיין שלעכטע און מיאוסע טאטן. מ׳דארף אים זאָגן: ״דאָס ערשטע מאָל שענק איך דיר. אָבער זיי פאָרזיכטיק און היט די ווירדע פון דיין צונג״. מ׳דארף אים אויפקלערן, אז מענטשן זיינען נאָר מענטשן און ניט קיין מלאכים, און ביים בעסטן ווילן קען מען אמאָל מאכן א פעלער. איז אין אזא פאל פיל געוואונטשענער צו פועלן ביים קינד זיך גלייך מודה צו זיין און בעטן אנטשולדיקונג פאר זיין שלעכטן טאט, איידער וועלן פארשמירן דעם פעלער מיט זאָגן ליגן. מ׳דארף אים אויסלערנען דאָס גלייך-ווערטל: „דער בעסטער ליגן איז דער פשוטער אמת.״

נאָך א מין ליגן איז דאָ ביי קינדער, וואָס איז אויך כמעט אין א גאַר גרוי-סער מאָס אן אומשולדיקער, ווי, צום ביישפיל, אזא מין ליגן אויף צו קענען אָפּ-האַלטן א שיינע פּאָזיציע אין דער קינדער-געזעלשאפט, פונקט ווי די דער-וואקסענע מענטשן זעען איין, אז פאר געלט, פאר רייכטום, האָט יעדער דרך ארץ, אזוי דערשפּירן אויך די קינדער. זיי דערפילן דאָס נאָך אפשר מער ווי די דער-וואקסענע, ווייל קינדער זיינען מער עמפּינדלעכער. אין אַלע צייטן האָט מען דעם נגיד געגעבן מער כבוד ווי דעם אָרעמאן. איבערהויפּט אין דער לעצטער צייט... זיינען טאקע פאראן קינדער, וואָס זעענדיק ווי מען צאַצקעט זיך מיט א קינד, בלויז דערפאר, ווייל מ׳ווייס, אז זיינע עלטערן זיינען רייך, ווייל עס טראָגט שיינע קליי-דער און האָט א סך שפּילצייג, וואָס מאכט אים אָנזעעוודיק אין דער קינדער-גע-זעלשאפט, זאָגן זיי אויך, אז זיי זיינען רייך. און אזא קינד נעמט שיטן מיט ליגן דערציילנדיק, אז ביי אים אין דער היים זיינען פאראן נאָך שענערע און טייערערע זאכן. עס פאלט אריין אין אזא מין ענטוזיאזם פון זיינע אייגענע ליגנערישע רייד, אז עס ווערט פשוט א פּאָעט, א גאנצער מאלער. עס שילדערט פאַרבנרייך זיין קינדערישע רייכטום, עס מאכט דאָס קינסטלעריש און טאלאנטפול מאַלעריש אזוי, אז ס׳איז א פרעמדן מענטשן שווער צו באמערקן, אז דאָס געזאָגטע איז א ליגן.

דער זעלבער פּראָצעס קומט פאָר אויך ביי די גרעסערע קינדער, ביי די שי-לער אין שול, צו אונדזער אלעמענס חרפּה מוזן מיר מודה זיין, אז ניט נאָר אין דער קינדער-וועלט, נאָר אפילו אין דער געזעלשאפט פון דערוואַקסענע האָט מען זיך פיל מער ליבער צו חברן מיט דעם רייכן ניט-אינטעליגענטן מענטשן, ווי מיט דעם אָרעמען "אינטעליגענט", און אזוי ווי קינדער זיינען ברויזנד, פול מיט מוט און לעבן, און האָבן ליב געזעלשאפט, קומט אים א סך מאָל אויס צו זאָגן, אז עס איז רייך, נאָך אפשר רייכער פון זיין אמת-רייכן חבר, כאָטש ער גו-פא ווייס, אז ער איז אן אָרעם קינד, אָדער אין בעסטן פאל א קינד פון א מיטל-שטאנד. אָט-אזא ליגן קען אויך פאררעכנט ווערן צום סאָרט אומשולדיקן ליגן.

ווען אָבער איז דאָס געזאָגט געוואָרן? אויב די עלטערן זיינען קלוגע, מיט א גוטן בליק אויפן לעבן, ווען זיי פאַרטראַכטן זיך אין דער לאַגע פון זייער קינד אין אַזאַ פאַל, דאַרף דעם קינד אויפגעקלערט ווערן, אַז אָרעמקייט איז ניט קיין חרפּה, און אַז מ׳דאַרף זיך ניט רעכענען מיט די יעניקע, וואָס בלאָזן פון זיך, נאָר מען דאַרף לערנען מיט ענערגיע און מיט קאָפּ, און אַזוי אַרום דערווערבן א רייכ-טום. מ׳דאַרף דעם קינד זאָגן, אַז ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט צו האָפן, אַז יעדער מענטש האָט שאַנסן צו זיין רייך. דאַקעגן דאָס פאַרשטעלן זיך אַלס רייכער, ווען אינדערעמתן איז עס ניט אַזוי קען און מוז ווען עס איז אַרויסקומען ווי בוימל אויפן וואַסער און דאַן וועלן זיינע חברים אים שטעמפּלען אַלס פּראָפעסיאָנעלן ליגנער. זיי וועלן פאַרלירן דעם צוטרוי צו אים, ניט וועלנדיק אים גלויבן אַפילו דאָס, וואָס וועט זיין באמת אמתדיק. דאַן קאָן ער באַקומען א מיאוסן אויסזען פון דער קינדער-געזעלשאַפט.

א סך, זייער א סך וואָלט מען נאָך געקענט וועגן דעם שרייבן. ס׳איז פאַראַן נאָך א גאַנצע ריי אַזעלכע אומשולדיקע ליגנס, וועלכע קאָנען באַקעמפט און אויס-געוואָרצלט ווערן. אָבער ניט אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל איז דאָס מעגלעך צו טאָן. דעריבער וועלן מיר זיך באַנוגענען בלויז מיט דעם אויבנגעזאָגטן, און מיר וועלן צוגיין צום ענין „בייזוויליקן ליגן״.

צום סאָרט „בייזוויליקער ליגן״, געהערט קודם כל דער ליגן צוליב פויל-קייט. אָט-דער סאָרט ליגן איז כאַראַקטעריסטיש אַממייניסטן פאַר די שילער און סטודענטן. בכדי צו באַרעכטיקן זייערע ניט געמאַכטע אויפגאַבעס, זייערע נעגאַ-טיווע קאָנסעקווענצן אויפן געביט פון לערן-יאָר, טראַכטן זיי אויס פאַרשידענע תּי-רוצים, וואָס זיינע באַזירט אויף לויטער שקר. זיי טראַכטן אויס ביילבולים אויף די לערער, ווי, אַז זיי האָבן די אויפגאַבעס ניט געהייסן מאַכן, אַז זיי האָבן די לעק-ציעס ניט גוט אויפגעקלערט, אָדער אַז זיי האָבן א בייז האַרץ אויף זיי, און נאָך אַזעלכע פאַרשידענע ליגנס. און א סך עלטערן ווערן טאַקע אין כעס אויף די לערער

און ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט, וואָס זיי האָבן, נעמען זיי זיך קריגן מיט אים. איז דאָס אַ ניט־ריכטיקער צוגאַנג. די עלטערן דאַרפן פאַרשטיין, אַז יעדער לערער וויל, אַז זיינע שילער זאָלן קענען. ווייל ביים סוף פון לערן־יאָר גרויסט זיך דער לערער מיט דעם, וואָס זיין קלאַס האָט זיך אויסגעצייכנט; וואָס זיינע שילער זיינען די בעסטע. די עלטערן דארפן וויסן פון דעם סוד, אַז אין אַ קלאָרער פראגע ליגט קלאָר דער תירוץ. זי, די דערציערין, די מוטער, דאַרף מיט חכמה פאַרשן, פרעגנדיק דאָס קינד מיט אַזעלכע פראַגן, אַז ס׳זאָל, ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק מוזן זיין אָפנהאַרציק און זאָגן דעם אמת.

פאַרשטייט זיך, אַז מ׳טאָר ניט ביז גאָר פאַרשאַרפן די שפּיצן: מען דאַרף זיין אָפּגעהיט ביז גאָר מיט יעדן וואָרט. די מוטער דאַרף אויך אויסנוצן דעם מאָמענט, ווען דאָס קינד הערט זי אויס. ווייל ס׳זיינען פאַראַן מאָמענטן, ווען ס׳קינד איז ניט געשטימט אויסצוהערן זיין מאַמען, דאַן איז אַ שאָד יעדעס וואָרט, דאַקעגן ווען זי, די מוטער מערקט, אַז דאָס קינד איז אין שטימונג זי אויסצוהערן, דאַרף זי אים געבן אַ סך, גאָר אַ סך גוטע אָנווייזונגען און שיינע אידעלע ביישפּילן. דעמאָלט, ווען זי זעט, אַז ס׳קינד הערט זי אויס, דאַרפן פון איר מויל שטראָמען אַ מבול מיט ווערטער, אָבער אַלע דאַרפן זיין בליציק, קלוג, גוט דורכגעטראַכטע, ממש דורכגעלעבטע, באַזירט אויף פאַרשידענע ביישפּילן. בכלל דאַרף יעדע מוטער אַ סך שמועסן מיט אירע קינדער, בפרט, ווען מען טרעפט אַ קינד מיט אַ פּאָר אָפענע, נייגעריקע אויערן.

ס׳איז פאַלש די מיינונג, אַז צו זיין אַ מוטער, ד״ה. צו זיין אַ ״דערציערין״, איז גאָר אַ לייכטע זאַך. אָבער אין דער אמתן איז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם פון דערציונג אַ גאָר שווערע און פאַראַנטווארטלעכע אויפגאַבע. מ׳דאַרף ממש זיין אַ קינסטלערין, מ׳דאַרף זיין אַ מילד, אַ שטרענג און גלייכצייטיק סובטעל, מען מוז דאָס קינד פירן אין מיטהעלפן אים זוכן דעם ריכטיקן וועג אין דעם גרויסן פלאָנ-

טער, וואָס הייסט לעבן. די מוטער דאַרף דעם קינד אויפקלערן, אַז אַ גוט-דער-צויגענער און געלערנטער מענטש איז אַ קוואַל, פונוואַנען עס שטראָמט אַרויס אַ העל ליכט, אַן עכטיש ליכט, אַ ליכט וואָס רייצט ניט, אַ ליכט וואָס בלענדט ניט, נאָר וואָס באַלייכט די קרומע, פינצטערע דערנער-וועגן פון מענטשלעכן לעבן. און דער הויפּטצוועק איז צו זיין קודם כל אַן אויפריכטיקער, אַן אמתדיקער, ניט שטיצנדיק זיך אויף דעם, וואָס עס קומט אַ סך מאָל אויס אויסצושטיין אַ סך שוועריקייטן צוליב דעם אמת. די מוטער מוז דאָס קינד אויסלערנען אַפילו קעמפן פאַרן אמת. ווייל דער אמת ז״ז דער הויפּט-פונדאַמענט פון דערהויבנקייט און אינטעליגענץ.

צום סאָרט ״בייזוויליקן ליגן״ געהערט אויך דער נקמה-ליגן, דער ליגן צוליב איפּערזיכט אָדער ניט-פאַרגינערישקייט. אַזאַ ליגן קען מען נאָר טרעפן ביי ברוטאַלע, ניט-דערצויגענע קינדער, וועלכע זיינען גרענעצלאָז צעלאָזן, רע-כענענדיק זיך אַלס העלדן, ניט מורא האָבנדיק פאַר קיינעם און פון גאָרניט. אָט-אַזאַ מין ליגנערישקייט דאַרף מען מיט אַלע כוחות באַקעמפן, ווייל ווען ניט, קאָנען די רעזולטאַטן זיין זייער שלעכטע און אַפילו געפערלעכע. פאַר אַזאַ ברוטאַלן ליגן דאַרף מען אַ קינד שטרענג באַשטראָפן, אַפילו ווען עס איז נאָך גאָר יונג. מען טאָר בשום אופן ניט זאָגן, אַז ווען ס׳קינד וועט גרעסער ווערן, וועט עס אַליין פאַר-שטיין ניט צו זאָגן אַזאַ אויסגעדראָשענעם ליגן, ווייל וועט זיך דאָס קינד צוגעוווי-נען, וועט דאָס שוין שפּעטער ליגן אין זיין בלוט, און ווילנדיק אָדער ניט ווילנ-דיק, וועט עס פאַרזעצן זיין ליגנערישקייט, כאָטש ער גופא וועט פאַרשטיין און וויסן די רעזולטאַטן פון דעם.

ס׳איז אויך פאַראַן אַ ״ליגן צוליב געשעפט, צוליב מסחר. און נאָך ער-גער פון לעצטן איז דאָס ליגן זאָגן צוליב עגאָאיזם. אָט-דער לעצטער איז דער מיאוסטער.

פון הארץ צו הארץ

איינס מוזן מיר נאָך זאָגן: יעדע מוטער מוז און דאַרף אַ סך לייענען וועגן קינדער-דערציונג, ניט נאָר לייענען, נאָר ממש לערנען. מ׳מוז אויך צוגעבן, אז בכדי צו צוגעוואוינען דאָס קינד צו זאָגן תמיד דעם אמת, טאָר אין זיין קרייז ניט געזאָגט ווערן קיין ליגן.

רעזשינא עסטעלא

טעכטער פון מאלווינא און זשואן גאק

די כראָנאָלאָגישע, פיזיאָלאָגישע
און גייסטיקע אַנטוויקלונג פון קינד

אין איצטיקן ארטיקל וועל איך זיך באַנוצן מיט א ביישפּיל וועגן א נאַטור-דערשיינונג, וואָס איז באַקאַנט אין דער וויסנשאַפט מיטן נאָמען ״מימיקרי״. מימיקרי איז א גריכיש וואָרט און איז דער טייטש „צופּאַסן זיך״ און אין דער נאַטור וויסנשאַפט באַצייכנט מען דערמיט די אייגנשאַפט וואָס מען האָט באַמערקט ביי די חיות, פייגל, פיש און ווערעמלעך זיך צוצופּאַסן צו די ארומיקע אומשטענדן, בכדי זיי זאָלן זיך בעסער קאָנען האַלטן ביים לעבן.

זייער א סך איז דאָ צו שרייבן וועגן די וואונדערלעכע סודות פון דער נאַטור, וועגן פאַקטן און געשעענישן, וועגן סורפּריזן און רעטענישן אויף דעם געביט, אָבער פאַר דער דערציערין, פאַר דער מוטער, גלויב איך, איז בלויז וויכטיק דער באַגריף ״מימיקרי״, ד.ה. דער פּרינציפּ זיך צו קאָנען צופּאַסן צו די ארומיקע אומשטענדן און דאַן וועט זי זיין אימשטאַנד זייער א סך צו דערגרייכן.

יאָ, א זייער שווערע, אחריותפולע אויפגאַבע האָט די מוטער, ווייל פאַראַנט-וואָרטלעך און שווער, סיי פיזיש און סיי גייסטיק, איז דאָס פּראָבלעם פון דערציונג. דערפאַר זאָגט מען דאָך טאַקע, אז קינדער זיינען א מתנה פון גאָט, א גליק, אן אוצר, א שווערער אוצר , ד. ה. אז זיי זיינען תמיד שווער, קליינערהייט טראָגט מען זיי אויף די הענט און גרויסערהייט אויפן קאָפּ, איז טאַקע ס׳לעצטע שווערער.

ווי נאָר דאָס קינד דערגייט צום שול-עלטער, האָט די מוטער א פיל שווערערע אויפגאבע ווי ביז דעמאָלט· ווייל חוץ איר זאָרגפעליקער באהאנדלונג, דארף זי מיט קאָפּ אויפפאסן און אָבסערווירן דריי גאַר וויכטיקע פּראָבלעמען, וועלכע פאָדערן א סך לערע און אריינטראַכטונג, בכדי צו דערגרייכן דעם געגארטן ציל, אָדער בעסער געזאָגט, בכדי ארויפצופירן איר קינד אויפן ריכטיקן וועג.

זי דארף מאכן א פארגלייך צווישן דער כראָנאָלאָגישער, פיזיאָלאָגישער און גייסטיקער אנטוויקלונג פון איר קינד און אויסגעפינען דורך איר באָאבאכטונג, צו די אַלע דריי פאקטאָרן האַרמאָניזירן, צו זיי קאָמבינירן און דערגענצן זיך איינער דעם צווייטן.

אייגנטלעך פאָדערט זיך אין דעם פאל אַ גענויע אונטערזוכונג פון א דאָקטאָר א ספּעציאליסט, אָבער ווען די מוטער וויל נאָר צולייגן אביסעלע מער איר קאָפּ, איר מוח, קאָן זי דאָס אליין אויסגעפינען און אפילו אליין באהאנדלען, אויב מ׳דארף·

עס פארשטייט זיך, אז די דאָזיקע עצה איז ניט קיין מעדיציניש און זי פאר-נעמט ניט דאָס אָרט פון א דאָקטאָר. עס איז בלויז א מיינונג, וואָס האָט א טעאָ-רעטישן אינטערעס אין אויסגעפינען וואָס עס איז גוט און נוצלעך פאר דעם דערציונגס-מעטאָד.

קודם-כל דארפן מיר אויפקלערן די דריי נעמען: כראָנאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע און גייסט. כראָנאָלאָגיע — הייסט דער סדר פון די יאָרן אינם קינדס עלטער; פיזיאָלאָגיע הייסט די אנטוויקלונג פון קינדס אָרגאניזם, ווי צום ביישפּיל, צי די וואָג און מאָס אנטשפּרעכן לויט זיין כראָנאָלאָגישן סדר. ווייל א סך קינדער וועגן פיל מער וויפיל זיי דארפן וועגן און זיינען אויך העכער ווי זיי דארפן זיין. הגם אָפּטמאָל, טרעפט אויך פונקט דאָס פארקערטע.

דער פיזיאָלאָגישער צושטאנד וויל זאָגן, ווען צום ביישפּיל, א 15 אָדער

16-יאָריק מיידל האָט ניט די פולע וואָג און מאָס און האָט אויך ניט די מענסטרו-אציע, ד.ה. אז זי איז אין דעפיציט.

די גייסטיקע אנטוויקלונג מיינט די אינטעלעקטואליטעט פון קינד, די אינ-טעליגענץ זיינע, וואָס ניט אלע מאָל איז זי אין איינקלאנג מיט זיין כראָנאָלאָגי-שער און פיזיאָלאָגישער אנטוויקלונג, ווי צום ביישפיל, ווען א בלייך און מאָגער קינד לערנט זיך גוט, האָט ממש א ווילדן מוח, בעת א פיזיש גוט אנטוויקלט קינד, שיין און געזונט, איז אבסאָלוט ניט אויפנאמס-פעאיק.

דאָס ערשטע איז פיזיש זייער שלעכט אנטוויקלט, אָבער דערפאר איז עס גייסטיק גוט, און אפשר שוין צו גוט אנטוויקלט, בעת דאָס צווייטע איז פונקט פארקערט, — פיזיש נאָרמאל אנטוויקלט, אָבער גייסטיק איז עס אין דעקאדענץ. און איןביידע פאלן האנדלט עס זיך וועגן אן אומנאָרמאלקייט.

און אָט-דאָ קומען מיר צו צום פונקט, וואָס פאָדערט זייער א סך אויפמערק-זאמקייט, צו וואָס מיר דארפן זייער נויטיק דאָס וואָרט „מימיקרי".

א שטארק-אויסגערעכנטע, א גענויע דארף זיין די דיעטע פאר די קינדער, וועלכע זיינען צו דיק; מען דארף אויסמיידן א סך מעלשפייזן און זיסווארג: מ׳מוז אויך באמערקן, אז דאָס איז נאָר אין דעם פאל, ווען די הויך פון קינד איז נאָר-מאל, נאָר בלויז זיין וואָג איז צו גרויס. דאקעגן ווען דאָס קינד איז העכער ווי נאָרמאל לויט זיין עלטער, מעג עס אויך זיין אביסל דיקער, ד.ה. עס מעג וועגן אביסל מער.

ביי קינדער וואָס זיינען פיזיש שוואך אנטוויקלט, מוז די מוטער אליין שטיין ביי זיינע מאָלצייטן, ניט פארלאָזנדיק זיך ניט אויף דער אויפזעערין און ניט אויפן קינד גופא. די מוטער מוז זען, אז איר קינד זאָל אינדערפרי, נאָכן מאַכן עטלעכע ספאָרט-איבונגען און נעמען א שפריץ-באָד, אָפעסן א גוטן פרישטיק ; זי דארף זיצן נעבן אים, אפילו אים ארויפצווינגען צו עסן, ווען זי זעט, אז ער האָט ניט

קיין גרויסן אַפּעטיט, ווייל זאָגט מען דאָך עפּעס, אַז דער אַפּעטיט קומט מיט'ן עסן...

צווינגען אַ קינד צו עסן איז אַ סך מאָל דאָס ווירקזאַמסטע מיטל; דאָס איז געווען געווען דאָס קינד איז געזונט. ווייל אַ סך מאָל קאָן קומען די אַפּעטיטלאָזיקייט פון פוילקייט אָדער גאָר פאַרקערט, פון צופיל אַקטיוויטעט, אַ סך מאָל איז דאָס קינד צופיל פאַרשפּילט און דערפאַר שפּירט עס קיין הונגער, אָדער עס פילט יאָ הונגער, נאָר עס איז פויל צו גיין וואַשן די הענט און אַוועקזעצן זיך עסן. אַ צווייט קינד ווידער, וואָס האָט אַן אַמביציע אָנצוהאַלטן כסדר זיין פּאָזיציע אין שולע, צו זיין דער ערשטער שילער אין קלאַס, וויל ניט פאַרלירן אַ סך צייט אויף צו עסן אַ בעסער מאָלצייט. די לערע און שול־פּראָבלעמען נעמען ביי אים צו דעם גאַנצן חוש, אַזוי אַז ער פילט אויך ניט קיין הונגער.

אַלענפאַלס, איז דער חוב פון אַזאַ מוטער צו שטיין אויף דער וואַך ניט פאַרלאָזנדיק זיך אויף קיינעם. מ'דאַרף אויך זען, אַז דאָס קינד זאָל עטלעכע שעה אין טאָג פאַרברענגען אויף דער פרייער לופט, ווייל ס'לעצטע האָט אַ גאָר גרויסן ווערט פאַר דער פיזישער אַנטוויקלונג פון קינד און אפשר אויך פאַר זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג, ווייל ס'איז דאָך באַקאַנט, אַז אין אַ געזונטן קערפּער איז דאָ אַ געזונטער גייסט.

וואָס שייך צו דער גייסטיקער אַנטוויקלונג, איז די באַהאַנדלונג אַביסל שווערער; די גייסטיקע טעמפּקייט, ווי דאָס ניט לערנען זיך גוט, אָדער סתם דאָס ניט־געניגנדיקע שאַרפקייט פון נעם באַנעם קומט אויך אָפטמאָל פון צופיל פאַרשפּילטקייט, און אַבער ניט אַזוי ווייט פון צופיל, ווי פון ניט־שכלדיקער פאַרשפּילטקייט, פון ניט־צוגעפּאַסטער און זינלאָזער פאַרשפּילטקייט.

ווען קען אָבער די מוטער דאָס באַמערקן? — ווען זי קוקט אויפן קינד מיט אָפענע אויגן, ווען זי קוקט אויף אים ווי אויף אַ קינד און ניט ווי אויף אַ

מלאך, ווייל — פארגעטערט זי איר קינד און זעט אין אים א מלאך, האָט זי רעגנ־בויגנס אין די אויגן, וואָס פאַרדעקן יעדן שווארצן וואָלקן מיט שימערדיק־בריליאַנטענע קאָלירן...

עס איז נאַטירלעך אוממעגלעך אויסצורעכענען אין איין קורצער באהאנדלונג אלץ, וואָס איז שוין ביז איצט געזאָגט געוואָרן וועגן אָט־א־דעם דאָזיקן פעלער, אָבער איינס מוז געזאָגט ווערן: דאָס קינד טאָר בשום אופן ניט וויסן וועגן דער גרויסער מאָס ליבע, וואָס זיינע עלטערן פילן צו אים, ווייל ס׳לעצטע קען אים געבן א שאנס צו באַרעכטיקן זיינע באַגאַנגענע פעלערן און נאַרישקייטן.

עס זיינען דאָ אין לעבן געוויסע גוטע און פיינע פאַרגעניגנס פון וועלכע מיר קענען געניסן, נאָר בתנאי ווען מיר געניסן פון זיי שכלדיק און ווערן א שותף אין זיי, און דאָס איז הויפּטזעכלעך ביים פּראָבלעם פון קינדער־דערציונג וועלכער איז א זייער שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע ארבעט, אָבער זי ברענגט טאַקע א סך פאַרגעניגן אויב מען פאַרשטייט, ווי אזוי זי ווי געהעריק אויסצונוצן.

* * *

ימים טיבט זיינען שוין פאַרגאַסן געוואָרן וועגן דעם דערציִונגס־פּראָבלעם, און עס איז נאָך אלץ דאָס זעלבע, געהיימניש ווי געוועזן. אלע מוטערס מיינען אין אַנהויב, אז זיי דערציִען גוט, אז זיי קענען אלע כּללים פונם דערציִונגס־מעטאָד, שפּעטער ווייזט זיך ארויס, אז עס איז געוועזן טעותדיק.

כדי צו באַגרייפן דעם דערציִונגס פּראָבלעם מוז מען צוזאַמען מיטן קינד אליין זיך איבערדערציִען; מען מוז מיטפילן מיטן קינד, מיטלעבן מיט אים. מ׳דאַרף זיך שפּילן מיט אים, ווי מען וואָלט אליין געוועזן א קינד; מ׳דאַרף "זיך" צוגעוואוינען צו "זיין" קינדערישקייט און אים, איינציקוויז אַנהויבן צוגעוואוינען צו זיין וואָס אמאָל מער דערוואַקסענער, ד.ה. מ׳דאַרף אים אַנווייזן יעדעס מאָל זיין אַרט שפּילן, לויט ווי ס׳פּאַסט זיך צו זיין עלטער. אזוי ארום וועט דאָס שפּילן ניט נאָר ניט פאַרטעמפּן זיין חוש, נאָר גאָר אַנטוויקלען זיין מוח.

און דאָס זעלבע דאַרף פאָרקומען ביים אַנהויבן שטודירן. די מוטער מוז קאָנ־

טראָלירן זיין יעדן פּראָגרעסיוון, אָדער רעטראָספּעקטיוון טריט אין זיין לערע; זי מוז זיך אויך באַמיען אויב מעגלעך, בייצוזיין אייניקע מאָל זיינע לעקציעס, זען, צי בעתן לייזן די שול-פּראָבלעמען עס גלוסט אים ניט צו כאַפּן א שפּילעכל אין האַנט, אָדער צי עס זינגט גאָר צו עפּעס א ניגונדל, און נאָך זייער א סך אַנ- דערע מאַניפעסטאַציעס, וועלכע קענען שטערן דעם נאָרמאַלן גאַנג פון דער לערע ד. ה. וואָס קען אים מאַכן אומאויפמערקזאַם. אמת טאַקע, אז עס זיינען פאַראַן שטאַרק פעיקע און ווייניקער פעאיקע קינדער, אָבער ווען מען שטייט אויף דער וואך און מען קאָנטראָלירט, און אַנשטאָט צו וואַרפן די שולד אויף די לערער אָדער שולע, פירט מען אָן מיטן קינדס לעבנס-מאַרש מיט אויסגערעכנטקייט און ריטם, איז אזא קינד אויב ניט אויפן ערשטן אָדער צווייטן פּלאַץ, ווייניקסטנס ניט אין דעפיציט, און גייענדיק אַזוי שטופנווייז, געוואוינט דאָס קינד זיך איין מיטן פּראָגראַם פונם לימוד און וויסן און עס באַקומט, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, א פליכט, א חשק צום לערנען און קאָן זיך טיילמאָל גאָר דערהויבן צו גאָר א הויכן שטאַפל, ווייל די צום ערשט אריפגעצוואונגענע לערע ווערט ביי אים א געוואוינהייט, און גע- וואוינהייט איז די צווייטע נאַטור...

און אויב ס׳זיינען פאַראַן יחידים, וואָס טראָגן די אַלע אָנשטרענגונגען פון די עלטערן און לערער, טראָגט דער מיטהילף און גוטע עצות, בלייבן זיי אביסל צע- חושט, איז א סימן, אז עפּעס איז דערמער מיט זיי פּסיכיש, אז זיי אָפּערירן ניט מיט זייערע נאָרמאַלע חושים; אין אזא פאַל פאָדערט זיך אַן עצה פון א ספּעציא- ליסט. אָבער אזא קינד וואָלט געהאַט פיל מער האָפענונגען קורירט צו ווערן, ווען מ׳באַמערקט זיין גייסטיקן צושטאַנד וואָס פריער, ווען עס איז נאָך גאָר יונג.

דעריבער איז א הייליקער חוב פון יעדער מוטער זאָרגפעליק נאָכצוקאָנטראָ- לירן די אַנטוויקלונג פון די דריי הויפּט-פאַקטאָרן, וועלכע דאַרפן אויספורעמען, אויסגעשטאַלטיקן איר היינטיק קליין קינד און מאַכן פון אים דער מאָרגנדיקן פּראָדוקטיוון מענטש.

די מוטער דאַרף זען, צי ס׳האַרמאָנירן און ס׳דערגענצן זיך איינער דעם צווייטן די כראָנאָלאָגישע, פיזיאָלאָגישע און גייסטיקע אַנטוויקלונג פון איר קינד.

קלאַרא

טאָכטער פֿון ליאַ און זשיימס װײַנבױם

ווי אזוי באַווייזט זיך מען קוריאָזיטעט
ביי קינדער

זייער שווער און פאַראַנטוואָרטלעך איז די דערציִונגס־אויפגאַבע בכלל און אינם פּעריאָד, ווען דאָס קינד הויבט אָן רייף ווערן בפרט· קודם כל דאַרף קומען אַן אויפקלערונג וועגן דער פיזיש־ביאָלאָגישער ענדערונג אינם קערפּער און דאַן אַ גאַנצע ריי אָנווייזונגען, אַזעלכע ווי וועגן ספּאָרט־איבונגען, היגיענע און בכלל וועגן דער האַלטונג סיי אין דער היים, סיי אין שול, ווייל איצט איז ער שוין ניט מער קיין קינד. מ׳דאַרף אים דערקלערן, אַז מיטן מאָמענט, ווען ס׳באַווייזן זיך אויף זיין קערפּער די ערשטע סימנים פון רייפקייט, מוז עס אָננעמען אויך אַן אַנדערע שטעלונג אין לעבן.

מ׳דאַרף אויך איינציקווייז, עוואָלוציאָנעריש, דורך שמועסן, אריינפירן דאָס רייף־ווערנדיקע קינד אין די הינטערקוליסן פון אינטימען לעבן פון דערוואַקסענע. אַבער מ׳דאַרף דאָס מאַכן אַזוי פּאָרזיכטיק, אַזוי סובטעל, אַז עס זאָל ניט צופיל צעשפּילן זיין יונגע פאַנטאַזיע, וואָס קען אומבאַמערקט צעוואַרעמען די בלוטן. מ׳דאַרף אים דערקלערן, אַז ס׳איז ניט ריכטיק די מיינונג, אַז אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט ענינים פון געשלעכט, דאַרף זיין איינגעהילט אין אַ מיסטעריעזן און סודותדיקן שלייער אוו אַז ניט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות דערמיט, דאַרף רייצן און שיכורן מיט גליק. פונקט פאַרקערט. — בהסכם דערמיט ווי עס ווערט רייפער, קומט־צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט [illegible] לעבן; און אַז אין לעבן זיינען פאַראַן אַ סך

שווערע פּראָבלעמען, וועלכע מ׳קאָן לייזן נאָר מיט לאָגיק און קאַלטער אויסגע-רעכנטקייט און ניט מיט היציקייט אָדער גרינגשעצונג.

מ׳דאַרף אים אויך אָנווייזן די גרוילעכע, ביטערע רעזולטאַטן פון אָנאַניזם, פון סעקסועלע מיסברויכן, סיי פיזישע, סיי פּסיכישע, און בכלל דאַרף די מוטער אַכטונג געבן, אַז איר קינד זאָל ניט ליגן אין בעט סתם אַזוי, ווען עס שלאָפט ניט; ניט זיין צו וואַרעם איינגעדעקט אין בעט און בכלל בעסער האַלטן די הענט אין דרויסן און ניט אונטער דער קאָלדרע. און מעג אפילו זיין ווי קאַלט, טאָר דאָס קינד ניט ליגן מיט די הענט אונטער דעם צודעק.

אין דער פרייער צייט דאַרף אַזאַ אונטערוואַקסנדיק קינד מאַכן ספּאָרט-איבונגען און אויך לייענען, פאַרשטייט זיך, צוגעפּאַסטע פאַר אים ליטעראַטור. ס׳איז ווערט די מי אָנצושטרענגען, אַבי איינצואָרדענען אַ גליקלעכע היים, מיט פיזיש און גייסטיק-געזונטע הומאָרפולע קינדער; ס׳לוינט זיך אפילו צו פאַר-ציכטן, אָפּצוזאָגן זיך, פון אייגענעם פאַרגעניגן לוסט, ווען עס האַנדלט זיך אינעם קינדס גליק. איבערהויפּט שפּילט אַ גרויסע ראָלע דער מוטערס אויפמערקזאַם-באַאָבאַכטענדיק אויג און אַביסל טאַקט. ס׳זיינען פאַראַן אַ סך עלטערן, וועלכע צערטלען זיך אין דער אָנוועזנהייט פון זייערע קינדער, אָדער פאַרמאַכן ניט די טיר פון זייער שלאָף-חדר, ווען זיי זיינען צוזאַמען, אַזעלכעס איז אומפאַרגעבלעך.

און חוץ דער מאָראַלישער זייט, קאָן אַזעלכעס די קינדער קראַנק מאַכן. די מאַניפעסטאַציע פון אַזאַ קרענק איז: אַפּעטיטלאָזיקייט, פוילקייט, מוטלאָזיקייט, דערשלאָגנקייט, בלייכע ליפּן און פאַרחלומטע אויגן, וואָס זעען אויס ווי זיי וואָלטן געקוקט ערגעץ אין אַן אומענדלעכער ווייטקייט.

אויף דעם דאַרף די מוטער באַלד רעאַגירן מיט אַ פעסטער שטעלונג און פועלן ביים קינד צו באַהערשן זיין שוואַכקייט. זי, די מוטער, טראָגט איר שווער געמיט און ניט פריילעך אויפן פּנים, אַבער טוט ניט ווייזן איר ... זיין שוואַכקייט,

זאָל איר קינד מיט איר מכלומרשטן געלעכטער אָנשטעקן מיט פרייליכקייט, און דאָס האָט א גרויסן ווערט פאר דער היילונג פון דער יוגנט-קרענק, וואָס מען קאָן אָנרופן ״קוריאָזיטעט״.

נאָך א קליינע אויפקלערונג וועגן די ענינים, וועלכע זיינען ארומגערינגלט מיט סודות און מיסטעריע און וועגן די שווערע אויפגאבן און דער גרויסער פאראנט-וואָרטלעכקייט פון דעם דערוואקסענעם מענטשן צו די הייליקע פליכטן פון לעבן, דעם וואָכעדיקן לעבן, וואָס יאָגט צומאָלס אוועק דאָס יום-טובדיקע, קען באזיי-טיקן די קוריאָזיטעט ביי די רייף-ווערנדיקע קינדער און זיי לערנען, באווייזן און מאכן פארשטיין, אז די פראָצעסן, וועלכע מ׳האָט פאר זיי געוואָלט פארשלייערן און פארהילן אין סודותדיקייט, זיינען אין דער אמתן נאטירלעכע פיזיאָלאָגישע אַקטן און אז נאָר ווי אזעלכע דאַרף מען זיי באטראכטן.

לעאָן   בערטאַ

זון און טאָכטער פון מרים און פנחס קאַפּעלער

ווי אזוי מיידט מען אויס מיספארשטענדענישן צווישן עלטערן און קינדער

די גרויסע צרה פון מיספארשטענדענישן צווישן מענטשן ליגט אין דעם, וואָס אנשטאָט צוויי מענטשן זאָלן האָבן איין דעה, האָב זיי גאָר דריי. און דוקע וויל יע־דער איינער אויפווייזן דעם צווייטן, אז זיין ארט דענקען איז א ריכטיקער, א גוט־באזירטער, א שכלדיקער אן אויסגעהאלטענער און וויל מיט קאָמענטארן דעם צווייטן איבערצייגן, אויפקלערן, אָדער בעסער געזאָגט, פשוט ארויפצווינגען אויף אים זיין מיינונג און אויפפאסונג· דאָס איז געזאָגט געוואָרן, ווען עס האנדלט זיך וועגן צוויי גלייכע זעלבסטשטענדיקע מענטשן, לאָמיר זאָגן, וועגן צוויי מענטשן פון זעלבן עלטער, וואָס לעבן אין איין און דער זעלבער עפּאָכע און פארברענגען אין דער זעלבער געזעלשאפט, אין דער זעלבער סביבה.

טאָ אויב אזוי איז זיך גאָר לייכט פאָרצושטעלן, וואָסערע שוועריקייטן עס איז דאָ ביי דעם זעלבן פּראָבלעם, ווען עס האנדלט זיך צווישן עלטערן און קינדער וואו עס הערשט אזא גוואלדיק־גרויסער דיפערענץ אין יאָרן.

עס איז שוין א פעסטגעשטעלטער פאקט נישט נאָר צווישן גרויסע געלערנטע, וועלכע פארנעמען זיך אויסשליסלעך מיטן פאָרשן דאָס לעבן פון קינדער, נאָר דורך דער פראקטיק גופא, אז אין די בעסטע היימען, אין די פיינסטע שטיבער, אפילו דאָרט וואו עס הערשט תמיד א גוטער, מוסטערהאפטער שלום־ בית וואו

עס הויזט אייביק א זעלטענע הארמאָניע, קומט פון צייט צו צייט צו א ווערטער-אויסטויש צו א מיספארשטענדעניש צווישן די עלטערן און זייערע קינדער, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי האָבן זיך קעגנזייטיק שטארק, אפילו גרענעצלאָז ליב און זיינען זיך געטריי איבערגעגעבן ביז גאָר· ווייל די צייט שטייט נישט און עס איז אבסאָלוט אוממעגלעך, אז די קינדער, וועלכע זיינען מיט צוואנציק אָדער עטלעכע און צוואנציק יאָר יינגער פון זייערע עלטערן, זאָלן קענען דענקען אזוי ווי זיי, די צייט לויפט, זי שפאנט פאָרויס, און צוזאמען מיט איר גייט אויך פארויס דער מענטשלעכער שכל, דער געדאנק און אויפפאסונג. דער באנעם פונעם לעבן קען יוויט נישט זיין דערזעלבער ביים יונגן דור ווי ביים על-טערן.

דערפאר איז טאקע זייער שווער, כמעט ווי אוממעגלעך, אז קינדער זאָלן קענען ריכטיק פארשטיין זייערע עלטערן, און נאָך שווערער, — אז זיי זאָלן קענען פארשטיין זייערע זיידע-באָבע, כאָטש ווי גוט און דרך-ארצדיק זיי זאָלן זיך בא-ציען צו זיי. ווייל סיי די זיידע-באָבע, סיי די עלטערן זייערע שטעלן מיט זיך פאָר די פארגאנגנהייט, דעם "נעכטן", אינדערצייט וואָס די קינדער שטעלן מיט זיך פאָר דעם "היינט"... און זאָגט מען דאָך עפעס, אז דער היינט איז א סך קלו-גער ווי דער "נעכטן", ווייל ער שפרייזט מיט א גוואלדיקער שנעלקייט צום מאָרגן.

אויב אזוי קאָן זיך דאָך ווידער שאפן א באגריף, אזא מין מיינונג, אז מען דארף די קינדער לאָזן זיך פירן ווי אזוי זיי פארשטייען, ווי אזוי זיי געפעלט, ווי זיי ווילן און אָנערקענען, ווייל זיי זיינען דאָך פראָגרעסיווער ווי די עלטערן זיי-ערע און אין א סך פאלן אויך פיל מער געלערנטער פון זייערע עלטערן. נו, טא-קע אָט-דאָ, ליגט די גרויסע שוועריקייט פון דעם דאָזיקן פונקט· די פילפאכיקע פאראנטוואָרטלעכקייט לגבי דעם דאָזיקן פראָבלעם, וואָס שפּילט א גאָר גרויסע ראָלע אין די דערציונגס-מעטאָדן.

אמת טאקע, אז מיר קענען נישט לייקענען, אז דער "הייגט" איז א סך קליגער ווי דער נעכטן, אָבער מען דארף אויך האָבן געגוג חכמה, און נאָכמער אויסגערעכנטקייט און דערפאַרונג אויף צו קענען געניסן פון "הייגט" און נישט דורכפאַלן, נישט חלילה זיך אויסגליטשן אינעם לעבן. און אָט-אָ-דאָ איז נויטיק די עלטערנס הילף, כאָטש זיי זיינען רעטראָספעקטיוו. דאָ דארף מען דערפארונג פון לעבן, ווייל ס׳לעבן גופא איז דער בעסטער מעטאָד פארן לעבן. די קינדער, ווי קלוג און געלערנט זיי זאָלן נאָר נישט זיין, מוזן האָבן אָנווייזונגען, אויפקלע-רונג און עצות פון זייערע עלטערן, ווייל ווען נישט, קענען זיי דורך זייער אומ-דערפארנקייט פארפירט ווערן אויף פאלשע דרכים, פון וואנען ס׳איז שפעטער זייער שווער זיך צוריק אומצוקערן אויפן דרך-הישר. וויפל די קינדער זאָלן נאָר נישט זיין געראָטן, קלוג און באגאבט, מוזן אָבער די עלטערן זייערע זיין זייערע וועגווייזער און ראַטגעבער. אָבער ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? — אויב די על-טערן זיינען אליין קלוגע און דריגגען אריין אינעם לעבן פון זייערע קינדער און פאסן זיך מער-ווייניק צו צו דעם פאָרשריט און געדאנקען-גאנג פון דער יוגנט, וועלכע איז דער סאמע היפוך פון זיי. ווייל בעת זיי קוקן רעטראָספעקטיוו און זיינען דערשעפטע און אנטוישטע פונעם אמאָליקן ענטוזיאסטישן ראָמאנטיזם פון זייער לעבן, קוקט די יוגנט פאָרויס און שטראָמט מיט א ים בונטפארביקע אי-לוזיעס צום לעבן.

דאָס זיינען צוויי דורות, צוויי עפּאָכעס, צוויי אנדערע וועלטן, און ביידע שטעלן זייערע טריט אין א גאנץ באזונדערער ריכטונג. און עס באקומט זיך דער איינדרוק, ווארשיינלעך אין ערשטן אויגנבליק, אז ס׳איז א זייער שווערע אויפגאבע: אז ס׳איז פשוט זייער שווער צו געפינען א וועלכע עס זאָל נישט זיין לייזונג, ווייל ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָבן מיר דאָך צו טאָן מיט צוויי באזונדערע וועלטן, וועלכע מען קאָן בשום אופן נישט צוזאמענברענגען.

און דאָך. דאָך איז דער טייוול ניט אזוי שווארץ, ווי מען מאָלט אים. ס׳איז גראָד

גאָרנישט אזוי שווער, ווי מען מיינט. ווארשיינלעך פאסירט, אז אויב די עלטערן זיינען נאָר נישט קיין עגאָאיסטן, עקשנים און אלץ-ווייסערס; אויב זיי זיינען פאר-שטענדלעכע מענטשן, איז דאָס א גאנץ לייכטע זאך, וועלכע באשטייט פון אָט-אָ-די געציילטע פונקטן:

איינס — אליין אָנהויבן עוואָלוציאָנעריש זיך אביסל איבער-דערציען, אי-בערראנדערשן און איינציקווייז צופאסן זיך צו דער נייער צייט און סביבה.

צוויי — שלום מאכן מיטן געדאנק, אז מ׳דארף גיין פאָרויס און נישט אויף צוריק.

דריי — א גאָר קליין ביסעלע קאפיטולירן אויף אייגענע אמביציעס און נישט מאכן קיין גרויסן וועזן פון יעדער קלענסטער רעפאָרמע.

פיר — נישט ארויפצווינגען מיט כוח קיין מיינונג אויף די קינדער. נאָר מיט חכמה און סובטעלקייט ארייננדרינגען אין זייער הארץ און נשמה און איבער-לאָזן דאָרט דעם שורש.

פינף — נישט רעאגירן אויף פעלערן מיט כעס און צאָרן, נאָר מיט אויפ-קלערונג,ביישפילן און אילוסטראציעס.

זעקס — נישט רעזאָנירן און נישט שוויגן, ווען אפילו מען ווייס פאזיטיוו אז די רייד וועלן נישט ווירקן, נאָר דוקא א סך רעדן

זיבן — אביסל אפעלירן און אביסל קאפיטולירן, און מ׳וועט געפינען א ליי-זונג אפילו צו די שווערסטע און פארפלאָנטערסטע פראָבלעמען.

אכט — מ׳דארף באמיען זיך, ווי ווייט מעגלעך, דורך ליבע און געטריישאפט צו געווינען די קינדערס צוטרוי וואָס זאָל איינשטעלן א קאָנטאקט פון הארץ צו הארץ.

פון הארץ צו הארץ,

נײַן — נישט האַלטן קינדער צופיל שטרענג, אָבער אויך נישט נאָכלאָזן צופיל דעם פּאָדעם ווייל צעבאַלעוועטקייט פירט כמעט תמיד צו הפקרות.

צען — נישט זײַן צופיל היציק און רעכענען זיך מיט די ווערטער, אפילו ווען עס האַנדלט זיך אין אייגענע קינדער, ווייל האָבן דאָך אונדזערע באָבעס ע״ה געזאָגט ; א פּאַטש פאַרגייט — א וואָרט באַשטייט.

א פּאַטש טוט א ווייטיקלעכן ברי אין ערשטן מאָמענט, אָבער שפּעטער, ווען דער ווייטיק פאַרגייט, פאַרשווינדט אויך אײַנציקווייז דער כעס. דאַקעגן א וואָרט בלײַבט לאַנג, לאַנג אין זכרון און בריט, עסט זיך אײַן אין מוח, הארץ און נשמה, און ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק באַשאַפט אזא וואָרט, אזא מין גיפט-ווערעמל, וויפיל מען זאָל עס אַליין נישט וועלן דערשטיקן אין זיך, א ווירקונג, אן עפעקט און עס מוז אַרויסקומען אויף דער אויבערפלאַך.

דעריבער איז ווינטשנסווערט אָפּצוהיטן די אַלע אויבן אויסגערעכנטע פּונקטן בכלל, און דעם לעצן בפרט, און ס׳וועט צו קיין מיספאַרשטענדעניש נישט קומען. במילא וועט אזוי אַרום אויסגעמיטן ווערן נערוועזיטעט בײַ קינדער, ווייל די אַלע מיספאַרשטענדענישן, די אַלע קאָנפליקטן צווישן עלטערן און קינדער ברענגען נישט קיין נוץ, נישט פאַר די עלטערן און נישט פאַר די קינדער, וועלכע ווערן פון אָפטע קריגערייען און קאָנפליקטן א סך מאָל אזוי צעטראָגן, נערוועאיש און פאַרקרענקט, אז מען מוז לסוף אָנקומען צו מעדיצינישער הילף, וועלכע, קאָן לײַ־דער, אין גאר ערנסטע פאלן, נישט געבן די געוואונטשענע רעזולטאַטן. אין גאַנץ אָפּט טרעפט, אז אָט-אָ-די קלייניקייטן, נאַרישקייטן, ווי עס דאַכט זיך א סך עלטערן, לייגן שפּעטער א זייער שווערן חותם אויפן קינדס גאַנצן לעבן און ס׳ווערט צעשטערט זײַן צוקונפט, זײַן גליק, זײַן אַלץ... דעריבער איז ווינטשנסווערט, אז עלטערן זאָלן זיך גוט אַרײַנטראַכטן און א סך לערנען פון דעם פאָלקס-אויסדרוק :

„ס׳איז בעסער פאָרגעזען, ווי נאָכגעזען !“...

ווידעראמאָל מוזן מיר זאָגן, אז די הויפּט-זאַך איז געדולד, און מיר מוזן אויך מודה זיין, אז עס איז שווער דאָס לעצטע אָנצוהאַלטן הונדערט פּראָצענטיק, ווייל היינטצוטאָג זיינען אלע מענטשן שטארק נערוועאיש, אָבער וואָס טוען נישט אלץ עלטערן; פארן וואויל, פארן גליק, איבערהויפּט, פארן געזונט פון זייערע קינ-דער? ס'איז א חוב, א הייליקער חוב, פון די עלטערן א סך צו פארציכטן, ניט מאכנדיק זיך א סך מאָל זען אָדער הערן, אבי אויסצומיירן רייבונגען, קריגערייען, ווייל אויף וויפל שלעכט דאָס לעצטע ווירקט אויפן דערוואקסענעם, ווירקט דאָס אויפן קינדס געזונטצושטאַנד טויזנט מאָל ערגער. עס צעברעכט זיין פיזישן און גייסטיקן געבוי, און רואינירט זיין גאנצן נערוון-סיסטעם. דעריבער טאקע, מוזן די עלטערן, וועלכע זיינען עלטער, קליגער און קאָנסעקווענטער, באַנוצן אלע מיט-לען, בכדי נישט צו דערלאָזן צו קיין מיספארשטענדענישן, וואָס פירן צו קאָנ-פליקטן.

אָבער איינס מוז פארשטאנען ווערן, אז קאַפּיטולירן א קליין ביסעלע, אָדער שטופנווייז און איינציקווייז איבערדערציען זיך גופא, אָדער פארשווייגן, און צו-פאסן זיך צו דער נייער צייט און סביבה — מיינט נאָך נישט, אז די עלטערן מוזן דורכויס דורכגענומען ווערן מיטן זעלבן געדאנק, מיט דער זעלבער אידייע, אויפ-פאסונג און מיינונג, ווי די קינדער זייערע, אָדער, בעסער געזאָגט, דאָס מיינט נאָך ווייט נישט, אז די עלטערן דארפן זיך האלטן מיט זייערע קינדער ווי אייגענע, נאָענטע חברים. דאָס לעצטע איז דער גרעסטער פעלער פון אלע צייטן, איבער-הויפּט פון דער לעצטער צייט, ווען דער לעבנס-ריטם איז ווייט נישט אזא פאמעלע-כער ווי אַמאָל, ווייל ערשטנס פארשווינדט ביי אזא אָרט חברשאפט דער גאַנצער דרך-ארץ צו די עלטערן, דער דרך-ארץ, וועלכער איז א גאַר גרויסער און וואָגיקערביישטייער צו א סאָלידער און גוטער דערציונג; צווייטנס, ווייסן מיר דאָך, און עס איז א פעסטגעשטעלטער פאקט, אז חברים צווישן זיך האלטן זיך ווי גלייכע, און אלס אזעלכע דארף דאָך איינער פון צווייטן גאָרנישט לערנען, נישט

פרעגן קיין עצות, און נאָכמער — ער מוז אים נישט פאָלגן, אפילו דעמאָלט, ווען יענער, אלס גוטער חבר, עצהט אים, נישט געפרעגטערהייט. ווייל ער גופא איז דאָך דער זעלבער חכם, דער זעלער אויסגעהאלטענער און אלץ-ווייסער ווי זיין חבר.

די עלטערן קענען זיין זייער גוט און איבערגעגעבן צו זייערע קינדער, האַלטן זיך מיט זיי גאָר היימיש און נאָענט, אָבער אין קיין פאל נישט ווי חברים, ווי א גלייכער מיט גלייכע. פונקט פארקערט: צוזאמען מיטן גאנצן היימישקייט, מוזן זיי גלייכצייטיק זיין זייער שטרענג און רופן די אויפמערקזאמקייט אויפן קלענסטן וואָרט, אָדער טאַט, וואָס איז קעגן כבוד פון די עלטערן. און נאָר אזוי ארום וועלן די קינדער, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, זיך רעכענען מיט זיי און נישט האלטן זיך גופא אלס קאָמפעטענטע אויף צו נעמען דעם גורל אין זייערע אייגענע הענט. און במילא וועלן אויסגעמיטן ווערן א סך מיספארשטענדענישן צווישן עלטערן און קינדער...

אנשטאט מיספארשטענדענישן, וועט זיך גאָר שאפן א פיינפילענדיקע סענ־טימענטאלקייט פון הארץ צו הארץ.



יעל **אפרים**

קינדער פון יוכבד און הארווי וועיגנסבערג

דב אפעלבוים **דב שטיין**

פלימעניקעס פון דער מחברטע

אינהאלט

אונדזער קינד — דאָס יסודותדיקע קעמערל פון דער מענטשהייט — 5

צו די לייענער — 9

פייגעלעס פּאָרטרעט — 11

קינדער דיעטע — 14

ווי אזוי און מיט וועמען דארפן קינדער זיך שפּילן — 20

ווי אזוי קורירט מען שלעכטע געוואוינהייטן — 28

פארצווייפלונג איז סם — 34

נערוועזיטעט ביי קינדער — 40

דער געדאנק ביי קינדער — 46

די מורא ביי קינדער — 54

מיט היגיענע און מוט באקעמפט מען א סך קראנקהייטן — 64

א וויכטיק בלעטל פאר דער דערציונגס־מעטאָדע — 70

א מאָדערנע אלערגיע — 78

דאָס לערן־פּראָגראַם — 84

די היגיענע פון בוך — 90

דער קאָנטראָל פון דער מוטער איבער דער קינדער־ליטעראטור — 96

אייפערזוכט ביי קינדער — 102

די נאטור און די לאָגיק ביי קינדער — 110

די פּסיכאָלאָגיע און די איינרעדעניש פון קינד — 120

דאָס קינד און דער ליגן — 128

די בראָנאָלאָגישע, פיזיאָלאָגישע און גייסטיקע אנטוויקלונג פון קינד — 140

ווי אזוי באזייטיקט מען קוריאָזיטעט — 148

ווי אזוי מיידט מען אויס מיספארשטענדענישן צווישן עלטערן און קינדער — 154

אָפּרופן פון דער קריטיק — 166

אַפּרופן פון דער קריטיק

אַפּרופן וועגן בוך ״נייע און אלטע היים״, וועגן דער מחברטע און איר אויפן פון שרייבן.

„פאַרן פאָלקסגעזונט״

בוענאָס איירעס — ארגענטינא

אונזער מיטארבייטערן מ ל כ ה א פ ע ל ב ו י ם, די מחברן פון „נייע און אלטע היים״ איז דווקא יא א דערציילערן און טעמעס פעלן איר נישט און דווקא אזעלכע, וועלכע וואַלטן יאַ געקאָנט פארכאַפּן דעם ליינער; וואָס יאָם פעלט אַבער דאַרט, איז די שרייבעריש־טיפּאָגראַפישע טעכניק. אָבער עס פעלן אויך נישט קיין בעסערע זאַכן, ווי למשל „א דועל מיטן גורל״, „א קוק אויפן זייגער״ א. אנד. מיר מיינען, אז מיר וועלן פון דער נייער שרייבערן האָבן נחת און פונקט ווי זי צייכנט זיך אויס מיט איר הומאַניטאַרישן צוגאנג אין אירע ארבעטן וועגן מאָדערנעם קינדער־דערציונג, וועט זי אויך אויפן נישט־לייכטן געביט פון בעלעטריסטיק געפינען איר וועג און מיר וועלן נישט אנטוישט ווערן אין אונדזער מיין וועגן איר.

נחמיה סינג:ל

(דער נייער מאָמענט) ס. פאולאָ - בראזיל

מלכה אפעלבוים איז א נאַמען אין דער יידישער זיד־אמעריקאנער זשורנאליסטיק. זי שרייבט אָפט אינעם חודש־זשורנאל „פארן פאָלקס־געזונט״ אויך ־דרוקט זי זיך, פון צייט צו צייט, אין אונדזער צייטונג „דעו נייער מאָמענט״ א. א. איז פונעם זשורנאַליסטישן שטאנדפונקט גענומען — האָט זי אסך דערגרייכט. עס איז ממש, א מחיה צו ליינען אירס אַן ארטיקל. ווארום זאָגן האָט מלכה אפעלבוים יאָ וואָס צו זאָגן און עס פעלט איר אויך נישט אימאגינאציע.

און איך זאָג אייך, אז ליינענדיק „ימים נוראים אין אָסטראָווצע״. באַקומט איר גרויס דרך ארץ פאר דער מחברטעס עלאָקווענץ, יידישער פרומקייט און פארהערלעכונג פון אונדזער גרויסן עבר. אויך איר וואכזאמקייט אין גלויבן אינעם הוה ווי אינעם עתיד אונדזערן איז נישט קלענער ווי איר הייסע פארבונדקייט מיט אונדזער גלאָררייכן עבר.

פון לעבעדי:ן

(טאג־מאָרגן זשורנאל) — ניו־יאָרק

אירע טעמעס זיינען פּראָבלעמאַטישע, גוט פאר ארטיקלען.

ס׳איז צו האָפן, אז זי וועט אויפן גוט־לייכטן געביט פון בעלעטריסטיק געפינען איר וועג און מיר וועלן נישט אנטוישט ווערן.

VANGUARDA ISRAELITA

ALTE UN NAIE HAIM
(Velho e novo lar)
de Malka Apelbaum

No mun..o literario judeu, a escritora Malka Apelbaum não é pela primeira vez que surge.

Os seus trabalhos no campo educacional e, especialmente de crianças, é bem conhecido.

As suas divulgações, impressas na revista "FAR'N FOLKS GESUNT" (para a saude do povo),editada em Buenos Aires, foram reeditadas e traduzidas em um grande numero de periodicos no mundo inteiro.

O seu primeiro trabalho celetristico é, o há pouco editado livro "Naie un alte haim" (Velho e novo lar).

Nota-se em sua novela que a autora domina a materia e que, espiritualmente elevada, ela talentosamente consegue desenvolver as suas ideias e conduzir o leitor a viver a atmosfera do velho lar nas condições que a vida lhe oferece no presente.

E este é o valor real do livro. Ele obriga o leitor a concentrar-se nos problemas de vida em relação aos valores tradicionais.

JORNAL ISRAELITA

Rio de Janeiro

A senhora Malka Apelbaum, incansável jornalista quase em todos os nossos periodicos israelitas, que aliás festejou recentemente o jubileu de vinte e cinco anos de sua atividade jornalistica, desejamos os melhores votos, agardecimentos e parabéns.

„אידישע צייטונג״
פרייטיק דעם 23 אפריל 1954.

מלכה אפעלבוים

ווערט א שטענדיקע מיטארבייטערין אין די „אידישע צייטונג״.

מלכה אפעלבוים איז ניט קיין פנים חדשות אין אונדזער ישוב. מ׳קען איר שרייבן און ספּעציעל אירע ארבעטן וועגן קינדער־דערציונג.

מלכה אפעלבוים איז יאָרנלאנג א מיטארבייטערין אין ארגענטינער „פֿאָלקס־געזונט״ און אנדערע אויסגאבן.

פון צייט־צו־צייט פלעגט מלכה אפעלבוים פארעפנטלעכן ארטיקלען אין אונדזער צייטונג, וועלכע האָבן שטענדיק אויסגענומען. מיט פארגעניגן טיילן מיר מיט אונדזערע לייענער, אז די חשובע שרייבערין מ. אפעלבוים ווערט פון היינטיקן נומער אָן א שטענדיקע מיטארבייטערין פון די „אידישע צייטונג״.

פון היינט־אָן הויבן מיר אן צו פארעפנטלעכן א סעריע ארטיקלען וועגן „קינדער־דערציונג״ פון מלכה אפעלבוים. וועמען מיר באגריסן צו איר ארייננטרעטן אין אונדזער רעדאקציע־סטעף.

יחזקאל בראָנשטיין (לאָס אנגעלאָס)

„דער שפּיגל״ בוענאָסאיירעס־ארגענטינאַ

מלכה אפעלבוים : „נייע און אלטע היים׳ ׳לייענט זיך געשמאַק, א דאנק דער עשירות פון איר יידיש לשון.

Sinto-me orgulhoso em poder transmitir as minhas sinceras impressões sôbre a importante contribuição que a cultura clara e humanitária da talentosa escritora e jornalista Malka Apelbaum fornece aos espíritos esclarecidos e principalmente aos responsáveis pela sagrada missão de educar e orientar a juventude em geral e 'judia em particular.

A nossa querida e estimada colega dá exemplo vivo na sua vida famíliar, digna de imitação.

Muito esperamos da nossa mais popular autora no terreno da moderna pedagogia e principalmente nos métodos inteligentes para prevenir desajustamentos sociais e raciais.

Recomendo aos pais meditação merecida afim de não trilhar por caminhos empíricos e catastróficos.

Parabéns! Trata-se de obra útil, realista, desprovida de vã fantasia.

Leiam e verão!

DR. J. C. ARAZI COHEN

Tip. "LANDSOL" Ltda. — M. Lander e S. Rosenthal, Rua Sta. Ifigenia 493
São Paulo - Brasil